STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03673

YIDN IN AMERIKE

Emanuel Patt

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידן אין אַמעריקע

אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס
און פּראָבלעמען

●

באַריכט צו דער קאָנפערענץ פון
יידישן אַרבעטער - קאָמיטעט
פעברואַר, 1951

צוזאַמענגעשטעלט פון ד ר. ע מ נ ו אַ ל פ אַ ט

Copyright, 1951,
by
Jewish Labor Committee

200

פארטײלונג פון אידישן פאלק לויט קאנטינענטן

1825



1937



1949



	1937	1949
אײראפּע*)	9.870.000	3.505.000
אזיע	849.000	1.241.000
אפריקע	604.000	723.000
אויסטראַליע	28.000	44.000
דרום- און צענטראל-אמעריקע	306.000	597.000
צפון-אמעריקע	4.920.000	5.185.000

*) אַרײַנרעכענענדיק דעם אזיאטישן טײל פון ראטן-פארבאנד.

דאָס בילד פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב

די היטלער־שחיטות האָבן אויף אַ בלוטיקן, קאַטאַסטראָפאַלן אופן צוגעיאָגט אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס ציט זיך שוין אין יידישן לעבן הונדערט יאָר — דאָס איבעררוקן זיך פון „שווער־פונקט״ פון יידישן פאָלק פון אייראָפּע קיין אַמעריקע.

וואוקס פון צפון־אַמעריקאַנער
יידישן ישוב

1564 —		ערשטער קיבוץ
1790 —	3.000	יידן
1820 —	6.000	„
1840 —	15.000	„
1880 —	250.000	„
1914 —	3.000.000	„
1928 —	4.200.000	„
1950 —	5.200.000	„

אויב מען נעמט נאָך אין אַכט אַז פון די 3 און אַ האַלב מיליאָן יידן פון אייראָפּע וואוינען 2 און אַ האַלב מיליאָן הינטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג״, וואו זיי ווערן געשטויסן דורך דער קאָמוניסטישער דיק־טאַטור אויפן וועג פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג, און אַז בלויז אַן ערך 900 טויזנט וואוינען אין מערב־אייראָפּע, אין פרייע, דעמאָקראַטישע באַדינגונגען, ווערט די באַזונדערע פּאָזיציע פון צפון־אַמעריקאַנער יידישן ישוב בולטער. אין איצטיקן מאָמענט באַטרעפט ער זעכציק פּראָצענט פון אַלע יידן אויסער דער סאָוועטישער זאָנע.

דאָ, אויף אונזער קאָנטינענט, וואוינט דער רוב מנין פון יידישן פאָלק.

אין די הענט פון אַמעריקאַנער יידנטום ליגט אין אַ גרויסער מאָס דער גורל פון יידישן וועלט־פאָלק.

* * *

דאָס יידיש מאַסן־לעבן אין אַמעריקע איז אַלט קוים אַ וועלכע

הונדערט יאָר. וואָס פאַר אַ יאָרן פון אַלזייטיקן וואוקס דאָס זיינען געוועז פאַרן יידישן ישוב!

ציפערמעסיק — פון עטלעכע קליינע ישובים מיט צוויי צענדליק טויזנט יידן — ביז צו דעם איצטיקן גרויסן פינף־מיליאָניקן קיבוץ;

עקאָנאָמיש — פון דעם אָרעמען אימיגראַנט ביי די טויערן פון „קעסטל־גאַרדען", וועמענס גאַנצער פאַרמעגן איז דורכשניטלעך געווען 12 דאָלער — ביז צו אַ גוט־איינגעאָרדענטן ישוב, וועמענס מיטגלידער פאַרנעמען הויכע פּאָזיציעס אויף אַלע געביטן פון אַמעריקאַנערווירטשאַפטלעכן לעבן, וועמענס אַרבעטנדיקע שיכטן האָבן לוינען, וואָס זיינען צווישן די העכסטע ביי דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט;

סאָציאַל — פון די פאַראַכטעטע „גרינהאָרנס" פון דער איסט־סאַיד — ביז צו די העכסטע פּאָזיציעס אין דער פעדעראַלער רעגירונג, אין קאָנגרעס, אין שטאַט־פאַרוואַלטונגען, אין געריכט־וועזן, בילדונג־אינסטיטוציעס, צווישן די אַם מערסטן געשעצטע עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ.

פּאָליטיש — פולע גלייכבאַרעכטיקונג אין די ראַמען פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. פּאָליטישער אַנטיסעמיטיזם איז פּאַקטיש אויסגעראָטן. פראַקטישער, סאָציאַלער און עקאָנאָמישער אַנטיסעמיטיזם געפינט זיך בפירוש אין דעפענסיווע און ווערט אַלץ העפטיקער באַקעמפט דורך דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

מיר וועלן אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט שילדערן, ווי דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב האָט זיך דורך דער צייט אַרומגעבויט מיט מעכטיקע בנינים פון יידישע אינסטיטוציעס —

צענדליקער גרויסע שפּיטאָלן — מוסטערן פאַר דער גאַנצער מעדיצינישער וועלט;

אַ געדיכטע נעץ פון גלענצנד אויסגעשטעלטע אַנשטאַלטן פאַר זקנים, יתומים, אינוואַלידן;

צענדליקער אויסגעצייכנטע אינסטיטוציעס פאַר פאַמיליע־הילף, גרייט צו קומען צו הילף אַן אַמעריקאַנער ייד אין אַן עת־צרה;

אַ ברייט־פאַרצווייגטע סיסטעם פון פאַרשיידנאַרטיקע רעליגיעזע אַנשטאַלטן;

אַ באַדייטנדיקע צאָל ערשטקלאַסיקע אַנשטאַלטן פאַר העכערער יידישער בילדונג און וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג;

הונדערטער פראַכטפולע בנינים פאַר קולטור און פאַרוויילונג („קאמיוניטי־צענטערס") פאַר אַלט און יונג;

גרויסע מעכטיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטלעכע באַ־

וועגונגען מיט צענדליקער און אפילו הונדערטער טויזנטער מיטגלידער, מיט גרויסע פאַרמעגנס, מיט אַ רייך אינערלעך לעבן ;

צענדליקער טויזנטער יידישע פאַריינען, קלובן, סאָסייעטיס, לאַנדסמאַנשאַפטן, ברענטשעס, לאדזשעס, מיט אַ לעבעדיקער טעטיקייט, מיט אַ טיפער לאָיאַלקייט מצד די מיטגלידער, מיט אַ הייסן דראַנג אויסצולעבן זיך קאָלעקטיוו אין אַ יידישער סביבה ;

אַ שטורמיש־וואַקסנדיקע יידישע יוגנט־באַוועגונג, וואָס דערגרייכט צו הונדערטער טויזנטער יונגע אַמעריקאַנער יידן און דערציט, באַווירקט זיי אין יידישן גייסט ;

אַ גלענצנד אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטערשאַפט מיט מעכטיקע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווייזט דער גאַנצער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט דעם וועג פון סאָציאַלן פּראָגרעס ;

אַן אומפאַרגלייכלעכער בנין פון הילף־טעטיקייט פאַר יידישע קיבוצים אויף גאָר דער וועלט, מיט ביודזשעטן, וואָס שטייגן אַריבער די רעגירונגס־ביודזשעטן פון פיל גרויסע, אָנגעזעענע מלוכות.

אָט דאָס בילד פון ברייט פאַנאַנדערגעוואָקסענעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן איצט, ביים פאַרענדיקן די ערשטע העלפט פון אונזער יאָרהונדערט, וועט געשילדערט ווערן, דורך ציפערן און פאַקטן, אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

מיר מוזן אָבער אויך כסדר געדענקען וועגן די שוואַכקייטן אין אונזער ישוב, וועגן די קראַנקהייטן, פון וועלכע ער ליידט, וועגן די פאַלשע און שעדלעכע איינשטעלונגען, וואָס האָבן זיך דאָ געשאַפן. מיר מוזן אויפמערקזאַם מאַכן אויף געביטן, וואו עס הערשט אַ שעדלעכע אַפּאַטיע, וואו עס האָבן זיך איינגעבירגערט אומדעמאָקראַטישע אַרבעטס־מעטאָדן, וואו קליינע גרופּן גבירים רעדן און האַנדלען אין נאָמען פון פאָלק, און דאָס פאָלק גופא האָט אַ קנאַפּע דעה.

קודם־כל מוזן מיר שטענדיק געדענקען :

מיר זיינען דער גרעסטער, דער שטאַרקסטער, דער איינפלוסרייכסטער יידישער ישוב אין דער וועלט. מיר האָבן אַ כסדרדיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון יידישן פאָלק. פון אונז גופא, פון אונזער איבערגעגעבנקייט, איניציאַטיוו און ענערגיע איז אָפּהענגיק, ווי אַזוי דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב וועט דערפילן זיין הויכע היסטאָרישע מיסיע.

די יידישע פאָלקס-אָרגאַניזאַציעס

איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע יסודות פון יידישן קיבוץ־לעבן אין אַמעריקע זיינען די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס — די אָרגאַניזאַציעס, אָן וועלכע דער יידישער יחיד האָט זיך פּרייוויליק אָנגעשלאָסן, ווייל ער האָט געוואָלט זיין אין אַ יידישער סביבה, ווייל ער האָט געוואָלט — דורך זיי, ווי אַ קאָלעקטיוו — שטאַרקן דאָס יידישע לעבן.

די צאָל פון אַזעלכע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס איז גרויס. מיר וועלן אויסטיילן עטלעכע, די סאַמע וויכטיקסטע גרופּן, און פאַרצייכענען אַ פּאָר פון די סאַמע וויכטיקסטע פאַקטן און ציפערן וועגן יעדער גרופּע.

די לאַנדסמאַנשאַפטן

די לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען איינע פון די עלטסטע פאָרמען פון יידישן צוזאַמענלעבן דאָ אין לאַנד. ווען מען רעדט וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן מיינט מען דער עיקר די פאַריינען, וואָס יידן פון איין שטעטל אָדער שטאָט פון מזרח־אייראָפּע האָבן געשאַפןביים סוף פון 19טן און אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט.

ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן דערגרייכט דעם הויך־פּונקט פון זייער וואוקס. דאָס איז אויך געווען די צייט, ווען זיי האָבן אויסגעאיבט דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס.

זינט דאַן, ד. ה. שוין באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט, הערט ניט אויף די שוואַרצע פּאָרויסזאָגעריי, אַז די לאַנדסמאַנשאַפטן גייען צו אַן אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג. מען האָט אויך ניט געזשאַלעוועט קיין חוזק־באַשרייבונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן מיט זייערע אָפּטמאָל מאָדנע מנהגים, וועלכע זיי האָבן נאָכקאָפּירט פון אַמעריקאַנער פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אָבער אַרויסגעוויזן אַ מערקווירדיקע לעבנס־פעאיקייט. די יידישע מאַסן האָבן דעמאָנסטרירט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו אָט דער פאָרם פון קיבוץ־אָרגאַניזאַציע. אמת, די

לאַנדסמאַנשאַפטן דאָמינירן טאַקע מער ניט די יידישע גאַס, ווי אַמאָל, אָבער זייער כח איז נאָך אַלץ זייער אַ גרויסער. אין איצטיקן מאָמענט געהערן צו לאַנדסמאַנשאַפט־פאַריינען מינימום פינף הונדערט טויזנט דערוואַקסענע יידן*).

עס איז דערביי אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז אַ ריי לאַנדס־מאַנשאַפטן איז געלונגען אַריינצוציען אַ היפּשע צאָל הי־געבוירענע זין און טעכטער. די דאָזיקע יונגע אַמעריקאַנער יידן זיינען אָפטמאָל זייער אַקטיוו אין די לאַנדסמאַנשאַפטן, פאַרנעמען די אַמטן פון סעק־רעטאַר וכדומה.

די לאַנדסמאַנשאַפטן לעבן איצט איבער אַן אידייאישן קריזיס. איינע פון זייערע הויפּט־אויפגאַבן איז געווען הילף פאַר דער „אַלטער היים״. די דאָזיקע אויפגאַבע איז ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן אָפּגענומען געוואָרן — צוליב דער היטלער־אויסראָטונג און צוליב דער אויפגעצוואונגענער איזאָלאַציע פון די רעשטלעך מזרח־אייראָפּעאישע יידן הינטערן „איי־זערנעם פאָרהאַנג״. אמת, איצט און אין די קומענדיקע יאָרן וועלן די לאַנדסמאַנשאַפטן נאָך האָבן גענוג אַרבעט ביים העלפן די ניצול־געוואָרענע לאַנדסלייט און ביים פּרואוון פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייער שטעטל אין אַ וועלכער ניט איז פאָרם, — אָבער עס קאָן קיין ספק ניט זיין, אַז די „לאַנדסמאַנשאַפטן״ מוזן איצט אָנפילן זייער טעטיקייט מיט אַן אַנדער אינהאַלט. מען קאָן פאָרויסזען, אַז אין אָט דער אַנטוויקלונג וועלן פאַרשטאַרקט ווערן פאָלגנדיקע דריי עלעמענטן:

1. באַטייליקונג אין אַלגעמיין־יידישער הילף־טעטיקייט. די צייט, ווען די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן געהאַלטן ביי זיך אין די קאַסעס באַ־דייטנדיקע סומען געלט, וועלכע זיי פלעגן אויסגעבן נאָר און אויס־שליסלעך פאַר יידן פון זייער היים־שטאָט, גייט אַוועק. די לאַנדסמאַנ־שאַפטן באַטייליקן זיך אַלץ מער אין אַלגעמיינע יידישע הילף־זאַמ־לונגען, אומאָפּהענגיק דערפון, צי זייערע אייגענע לאַנדסלייט וועלן פון זיי געניסן, אָדער ניט.

2. שטאַרקערע באַטייליקונג אין שטיצן לאָקאַלע אַמעריקאַנער יידישע אינסטיטוציעס.

*) די לאַנדסמאַנשאַפט־דיוויזיע פון יונייטעד דזשואיש אַפּיל אין ניו־יאָרק שטייט אין פאַרבינדונג מיט 2,000 לאַנדסמאַנשאַפטן און 1,000 פרויען־אָקזילעריס ביי די לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס ציילן פיר הונדערט טויזנט מיטגלידער; דערצו קומען נאָך צו אַ ריי קלענערע לאַנדסמאַנשאַפטן, מיט וועלכע דער „אַפּיל״ שטייט ניט אין פאַרבינדונג, ווי אויך אַ באַדייטנדיקע צאָל לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען אין אַנדערע גרעסערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

3. פֿאַרשטאַרקונג פֿון פּראָטערנאַלן כאַראַקטער פֿון דער לאַנדס־מאַנשאַפֿט, ווי אַן אינסטיטוציע פֿאַר סאָציאַלן אויסלעבן זיך און פֿאַר קעגנזייטיקער הילף און פֿאַרזיכערונג.

איינס איז קלאָר: אין איצטיקן דור און אפשר אויך אין די ווייטערדיקע דורות וועלן די לאַנדסמאַנשאַפֿטן נאָך אַלץ שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן לעבן.

אַוודאי איז פֿאַראַן אַ סך צו קריטיקירן ביי די לאַנדסמאַנשאַפֿטן בנוגע זייער גייסט, בנוגע זייער פֿירונג, בנוגע זייער דעמאָקראַטיע, אָבער די גרונט־אייגנשאַפֿט פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן איז:

> זיי זיינען די סאַמע פֿאָלקסטימלעכסטע אָרגאַניזאַציעס אויף דער יידישער גאַס. זייער גייסט איז אין תוך געוועזן אַ דעמאָקראַטישער. און לסוף: זיי זיינען צווישן די שטאַרקסטע פֿעסטונגען פֿון יידישן לשון.

אין די לאַנדסמאַנשאַפֿטן רעדט מען יידיש, מען פֿרייט זיך אויף יידיש, מען טרויערט אויף יידיש.

און אַלס אַזעלכע וועלן די לאַנדסמאַנשאַפֿטן נאָך אַ לאַנגע צייט פֿאַרבלייבן אַ וויכטיקע באַזן פֿאַרן יידישן נאַציאָנאַלן בנין דאָ אין לאַנד.

יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס

נאָך מער אריכת ימים קאָן מען פאָראויסזען פאַר די יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס. אויך זיי האָט מען מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק פאָראויסגעזאָגט אַ טרויעריקע צוקונפט. מען האָט מיט זי־כערקייט פעסטגעשטעלט, אַז דער נייער דור אַמעריקאַנער יידן וועט ניט וועלן געהערן צו אַ יידישן פראַטערנאַלן אָרדן. ער וועט ניט האָבן די באַדערפעניש דערפאַר. ער וועט זיך ניט וועלן אָנשליסן אין אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט אים האַלטן אין אַ „געטאָ". אויב ער וועט שוין יאָ וועלן זיך אָנשליסן אָן אַ פראַטערנאַלן אָרדן — שטייען פאַר אים אָפן צענדליקער אַזעלכע אַלגעמיין־אַמעריקאַנער אָרדנס, מאַסאָנישע פאַרבאַנדן א. ד. גל.

די דאָזיקע נבואה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. די יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס טרעטן אַריין אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיט אַ סטאַבילער מיטגלידערשאַפט, וואָס וויזט גאָר אַרויס טענדענצן צו וואַקסן. זיי האָבן גוט פאַרפעסטיקטע אָרגאַניזאַציעס. זייערע פינאַנציעלע רעסורסן זיינען באַדייטנדיקע.

דער בעסטער ביישפּיל דערפון איז — דער אַרבעטער־רינג, דער סאַמע פאָלקסטימלעכסטער פון די יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס. זיין געטריישאַפט צו דער יידישער שפּראַך, זיין סאָציאַליסטישער כאַראַקטער, זיין אומווילן נאָכצולויפן נאָך די שטימונגען פון דער גאַס (הן ווען זיי זיינען געווען פראָ־סאָוועטיש, הן ווען זיי זיינען געוואָרן עקסטרע־מיסטיש נאַציאָנאַליסטיש) האָבן פאַרן אַרבעטער־רינג געמאַכט באַ־זונדערס שווער צו געווינען נייע מיטגלידער.*) פונדעסטוועגן איז די צאָל מיטגלידער במשך פון די לעצטע יאָרן סטאַביליזירט. מיט אַנ־דערע ווערטער, דעם אַרבעטער־רינג איז געלונגען צוציען אַ באַדייטנ־דיקע צאָל הי־געבוירענע אַמעריקאַנער יידן. צום 50־יאָריקן יובליי

---

*) מען דאַרף דאָ אויך נעמען אין אַכט, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידישע אַרבעטער האָבן איצט דורך זייער יוניאָן ענלעכע בענעפיטס, ווי די, וועלכע דער אַרבעטער־רינג גיט זיינע מיטגלידער. עס פאַלט דעריבער אָפּ אויך דער דאָזיקער צוציאונגס־מיטל.

האָט דער אַרבעטער־רינג געציילט אין זיינע ענגליש־רעדנדיקע אָפּ־טיילונגען 7,200 מיטגלידער און עס ווערט געשאַצט, אַז מינימום נאָך אַזוי פיל ענגליש־רעדנדיקע יידן געהערן צו יידיש־רעדנדיקע בראַנ־טשעס, אָפּטמאָל אין דיזעלבע בראַנטשעס וואו זייערע עלטערן גע־הערן; צוזאַמען אַלזאָ אַ צאָל פון אַן ערך 15,000.

די יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס, וואָס פירן זייער אַרבעט אויס־שליסלעך אויף ענגליש און וואָס האָבן ניט אַזאַ אויסגעשפּראָכענעם אידעאָלאָגישן פּנים, האָבן קלענערע מניעות ביים צוציען הי־געבוי־רענע יידן.

אָט זיינען ציפערן וועגן יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס:

אָרדענס	גרינדונג	צאָל מיטגלידער
בני ברית	1843	334.000
אַרבעטער־רינג	1900	70.00
ברית אברהם	1887	25.000
ייד. נאַצ. אַרבעטער־פאַרבאַנד	1912	30.000
ייד. פראַטערנאַלער אָרדן	1930	*)
ברית שלום	1905	11.000
בני ציון	1910	45.000
Free Sons of Israel	1849	8.000
Progressive Order of the West	1896	4.000
United Orders True Sisters	1846	15.000

עס איז, דוכט זיך, ניט נויטיק זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף דער צענטראַלער ראָל פון די יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס אויף דער יידישער גאַס. דער אַרבעטער־רינג איז בלי שום ספק דער וויכטיק־סטער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָנשפּאַר פון דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער אויף דער יידישער גאַס, ווי אויך פון דער מאָדערנער וועלט־לעכער יידישער קולטור־באַוועגונג. אַן ענלעכע פונקציע פירט אויס דער „יידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד" אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן די ברייט־פאַרצוויגטע אַרבעט פון „בני ברית", באַזונדערס פון זיינע דריי ספּעציעלע אַרבעטס־

*) עס איז שווער פעסטצושטעלן וויפל יידישע מיטגלידער עס געהערן איצט צום קאָמוניסטישן „אָרדן". מען שאַצט זיי אויף 25 ביז 30 טויזנט.

אָפּטיילונגען: 1) די „אַנטי־דיפאַמיישאַן ליג", וואָס שטייט זינט איר גרינדונג אין 1913 אין דער פאָדערשטער ריי אין קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, 2) די הלל־פונדאַציע פאַר יידישער קולטור־טעטיקייט און נאַציאָנאַלער דערציאונג פון די יידישע סטודענטן — מיט אָפּטיילונגען אין 200 קאָלעדזשעס, וואו עס לערנען זיך 150 טויזנט יונגע יידן, 3) די צאָלרייכע אָפּטיילונגען פאַר אַרבעטס־פאַרזאָרגונג, וואָס שפּילן איצט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל ביים איינאָרדנען ניי־געקומענע אימיגראַנטן.

אויך וועגן די יידישע פראַטערנאַלע אָרדנס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פיל קריטישע באַמערקונגען — און פיל פון זיי זיינען ריכטיק. עס ווערט אָפּגעשוואַכט דער באַזוך פון די מיטגלידער אין די אָפּטיילונגען פון די אָרדנס און זייער אַקטיווער אָנטייל אין באַשטימען די טעטיקייטן פון זייערע אָרגאַניזאַציעס. עס איז אומעטום אַ ברענענדיקע פראַגע דאָס אויסבילדן נייע פירער־קאַדרען, וואָס זאָלן זיין ענג פאַרבונדן מיטן ניים דור אַמעריקאַנער יידן, וואָס זאָלן אָבער האָבן אַן אינטימע גייסטיקע פאַרבינדונג מיטן דור פיאָנערן, בויער און גייסטיקע געשטאַלטער פון די פאָלקסטימלעכע פראַטערנאַלע אָרדנס און וואָס זאָלן קאָנען ממשיך זיין די אַרבעט פון די אָרדנס אין זייער ביז־איצטיקן גייסט.

אָבער די קאַרדינאַלע פאַקטן וועגן די פראַטערנאַלע אָרדנס פאַרבלייבן פאַרט:

ברייטע יידישע מאַסן זיינען אָנגעשלאָסן און ווייזן אַרויס אַ טיפע צוגעבונדנקייט צו זייערע פראַטערנאַלע אָרדנס.

די הונדערטער טויזנטער מיטגלידער באַטראַכטן זייער אָנגעהעריקייט פאַר פיל מער ווי אַ פאַרזיכערונגס־אַראַנזשירונג, אויך ניט בלויז פאַר אַן אופן פון סאָציאַלן אויסלעבן זיך, נאָר ווי אַ מיטל צו פרעזערווירן און שטאַרקן זייער פאַרבינדונג מיטן יידישן כלל, אויף צו פאַרפעסטיקן יידיש לעבן דאָ און אויף דער גאַנצער וועלט.

דורך זייער ווייט־אויסגעברייטערטער אַקטיוויטעט זיינען די אָרדנס די לעבעדיקסטע צענטערן פון יידישער נאַציאָנאַלער טעטיקייט, די וויכטיקסטע רעזערוואוואַרן פון יידישער פאָלקס־ענערגיע אויף דער אַמעריקאַנער גאַס.

דאָס זיינען אמתן, וואָס דער גאַנצער אַמעריקאַנער יידישער ישוב מוז שטענדיק געדענקען!

אַנדערע פּראָטערנאַלע פאַראייניקונגען

אויסער די לאַנדסמאַנשאַפטן און די פּראָטערנאַלע אָרדנס זיינען פאַראַן נאָך דריי אַנדערע טיפּן פון פראָטערנאַלע פאַראייניקונגען, וועלכע מיר ווילן דאָ דערמאָנען.

1. די ניט-אַפיליאירטע „בענעוואָלענט"-סאָסייעטיס

זיי נעמען אַריין מיטגלידער ניט דווקא פון איין שטאָט. אין זייער כאַראַקטער און טעטיקייט זיינען זיי ענלעך צו די לאַנדסמאַנשאַפטן־פאַריינען.

2. די „פאַמיליע-קרייזן".

דאָס איז אַ טיפּ פון יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז זייער ווייניק אויסגעפאָרשט און וואָס איז אינטערעסאַנט פון עטלעכע שטאַנדפּונקטן. די „פאַמיליע-קרייזן" זיינען, נאַטירלעך, קודם כל פלעצער פון סאָציאַלן אויסלעבן זיך. גלייכצייטיק באַטייליקן זיי זיך גאַנץ ענערגיש אין שטיצן פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס דאָ אין אַמעריקע און נאַציאָנאַלע פאָנדן פאַר הילף מעבר לים.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין די „פאַמיליע-קרייזן" איז, אַז דאָס איז איינער פון די ווייניקע פלעצער, וואו עס טרעפן זיך צונויף אַמעריקאַנער יידן פון פאַרשיידענע דורות. עס איז קיין ספק ניט, אַז דורך דעם דאָזיקן סאָציאַלן קאָנטאַקט ווערט דער יינגערער און מער אַסימילירטער עלעמענט נאַציאָנאַל באַאיינפלוסט דורכן עלטערן. דורך אַזעלכע סאָציאַלע קאָנטאַקטן ווערט אַביסל אָפּגעשוואַכט דער דראַנג פון דער יוגנט אַוועקצולויפן פון דער פאַמיליע-סביבה (דער טרויעריק-באַקאַנטער „קאָנפליקט צווישן די דורות" אויף דער יידישער גאַס) און דער יינגערער עלעמענט ווערט אַביסל ענגער צונויפגעבונדן מיט דער יידישער גאַס.

די „פאַמיליע-קרייזן" גיבן אַ געלעגנהייט צו קולטיווירן אין קרייז פון דער משפחה געוויסע טראַדיציעס, געוויסע מנהגים, געוויסע יום-טובים און, אויף אַזאַ אופן, קאָנען זיי — פּאָטענציעל — מאַכן אַ וויכטיקן ביישטייער צו דער בהדרגהדיקער אויספאָרמירונג פון געוויסע עלעמענטן פון אַ יידישן שטייגער לעבן.

די דאָזיקע פאָרמען פון יידישן געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך דאַרף מען ווידמען מער אויפמערקזאַמקייט ווי ביז איצט. עס איז ניט באַוואוסט, ווי גרויס עס איז די צאָל יידן, וואָס געהערן צו די אויבנ־דערמאָנטע צוויי טיפּן יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. זי מוז אָבער זיין אַ גאַנץ באַדייטנדיקע. דער יונאַיטעד דזשוּאיש אַפּיל פון ניו־יאָרק שטייט אין פאַרבינדונג מיט 1,200 אַזעלכע פאַריינען מיט 75 טויזנט מיטגלידער. אַ גאַנץ באַדייטנדיקע מחנה! און די פאַקטישע צאָל פאַריינען און מיטגלידער איז מסתמא באַדייטנדיק גרעסער.

3. די יידישע „לאָדזשעס״ אין אַלגעמיין־אַמעריקאַנער פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס.

ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן אין אַזאַ דעמאָקראַטישער גע־זעלשאַפט, ווי די אַמעריקאַנער, האָבן גרויסע מאַסן יידן זיך אָנגע־שלאָסן אָן די צאָלרייכע אַלגעמיין־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס פון אַ פראַטערנאַלן כאַראַקטער, אין דער ערשטער ריי — אָן די צאָלרייכע מאַסאָנישע און כמו־מאַסאָנישע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע עס שווימבלט און גריבלט אין אַמעריקע, און וואָס ציילן מיליאָנען מיטגלידער. בלויז עטלעכע פון זיי זיינען באַגרענעצט צו אָנהענגער פון איין גלויבן. אין אַלע אַנדערע זיינען די טויערן אָפן פאַר אַלעמען, אָן אונטערשייד פון גלויבן. די צאָל יידן, וואָס געהערן צו אָט דעם טיפּ אַמעריקאַנער אָר־גאַניזאַציעס, איז אומבאַקאַנט, אָבער זי איז זיכער אַ גאַנץ באַדייטנ־דיקע.

אָבער דאָ איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג. איינ־גאַנצן ספּאָנטאַן, פרייוויליק, האָבן זיך יידן קאָנצענטרירט אין גרויסע מאַסן אין עטלעכע פון די אויבן דערמאָנטע אַמעריקאַנער כמו־מאַסאָ־נישע אָרגאַניזאַציעס — אין די „נאַיטס אָוו פּיטיאַס״ (די ריטער פון פּיטיאַס) און אין די „אָד פעללאָוס״ (משונהדיקע פאַרשוינען). די ערשטע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1864 און ציילט 290 טויזנט מיטגלידער איבערן גאַנצן לאַנד; די צווייטע עקזיסטירט פון 1919 און די צאָל פון אירע מיטגלידער באַטרעפט 1,500,000.

אין די דאָזיקע אַלגעמיין־אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס האָבן די יידישע מיטגלידער זיך פרייוויליק קאָנצענטרירט אין באַזונדערע ריין־יידישע לאָדזשעס. זיי האָבן עס געטאָן אין אַזאַ מאָס, אַז אין ניו יאָרק דאָמינירן די דאָזיקע יידישע לאָדזשעס צווישן דער גאַנצער מיטגלי־דערשאַפט. די „אָד פעללאָוס״ האָבן אין ניו יאָרק 225 לאָדזשעס מיט 35 טויזנט מיטגלידער. אַן ערך 180 פון די לאָדזשעס זיינען יידישע!

ביי די „נאַיטס אָוו פּיטיאַס״, וואָס ציילן אין ניו יאָרק 375 לאַדזשעס מיט 75.000 מיטגלידער, איז דער פּראָצענט יידן נאָך גרעסער.

דאָס איז אַ זייער באַלערנדיקער פאַקט. די יידישע מיטגלידער פון די דאָזיקע צוויי אָרגאַניזאַציעס געהערן מערסטנטיילס צום יידישן מיטלשטאַנד און צו דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. שפּראַכלעך זיינען זיי אַסימילירט. די מיטינגען פון די לאַדזשעס, די קאָרעספּאָנדענץ, די לאַדזש־צייטונגען זיינען אַלע אויף דער ענגלישער שפּראַך.

אָבער דער ווילן צו זיין בציבור, אין אַ יידישער סביבה, איז ביי די דאָזיקע, שוין היפּשלעך אַסימילירטע יידן געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט מנצח געווען דעם דראַנג (וואָס איז געווייינטלעך אַזוי שטאַרק ביי אַסימילירטע יידן) אַריינצודרינגען, צונויפמישן זיך מיט אַ ניט־יידישער סביבה.

שוין בלויז דער דאָזיקער פאַקט פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע״ איז פון גרויסער באַדייטונג. ער באַווייזט, אַז מיר דערשאַצן ניט די צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק אויך ביי יענע פאַרפרעמדטע יידן, וואָס געהערן שוין אינגאַנצן ניט צו קיין ריין־יידישע אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע עס איז שוין כלומרשט ניטאָ קיין שום אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרבינדונג.

דאָס איז אַ געביט, וואָס איז, דוכט זיך, אינגאַנצן ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אָבער עס איז באַוואוסט, אַז די דאָזיקע יידישע לאַדזשעס פירן — אין ענגליש — אַן אַרבעט, וואו יידישע טעטיקייטן און פראַבלעמען שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָל. אין די לאַדזש־צייטונגען קאָנט איר אָפט לייענען וועגן לעקציעס אויף טעמעס פון יידישן לעבן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן. עס ווערן אָפט דערמאָנט יידישע יום־טובים. אַ גרויסע צאָל לאַדזשעס באַטייליקט זיך אַקטיוו אין די זאַמלונגען פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״ און פון יידישע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן.

און אָט איז אַ ווייטערדיקע, אומגעהויער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע דערשיינונג: אין די ראַמען פון אַלגעמיין־אַמעריקאַנער פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס האָבן יידן באַשאַפן, ניט אָנטרעפנדיק, אגב, קיין שום ווידערשטאַנד, אַ געוויסע פאָרם פון נאַציאָנאַלער קולטור־לער אויטאָנאָמיע!

דער דאָזיקער פּראָצעס איז זייער וויכטיק. ער דאַרף גרינטלעך אויסגעפאָרשט ווערן.

יידישע פרויען־באַוועגונג

אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן איז דער אומגעווײנלעכער וואוקס פונם אָנטייל פון פרויען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז היינט ניטאָ קיין איין געביט, וואו פרויען־קלובן, פרויען־אָרגאַניזאַציעס אָדער פרויען־אָפּטיילונגען זאָלן ניט שפּילן אַ ביז־גאָר וויכטיקע ראָל, זאָלן ניט אויסטראָגן אַ באַדייטנדיקן — אויב ניט טאָקע דעם וויכטיקסטן — חלק פון דער פּראַקטישער אַרבעט. צי דאָס איז אַ פילאַנטראָפּישער אנשטאַלט, ווי אַ שפּיטאָל, אַ מושב־זקנים, אַ בית־יתומים, צי דאָס איז אַ טעמפּל, אַ סינאַגאָג, אַ שול — אומעטום טוען פרויען־קאָמיטעטן, „ליידיס אָקזילערים", אַ גאָר וויכטיקע אַרבעט. און דאָסזעלבע — ביי יעדן ברענטש פון אַרבעטער־רינג, ביי יעדער לאַנדסמאַנשאַפט, ביי יעדער יידישער שולע. זייער וויכטיק איז זייער ראָל ביי דער גרויסער הילף־אַרבעט פאַר יידן מעבר לים.

אויסער אַ באמת אימפּאָזאַנטער צאָל לאָקאַלע קלובן, ברענטשעס און „אָקזילערים", האָבן אָבער די יידישע פרויען אויך אויפגעבויט עטלעכע זעלבסטשטענדיקע פרויען־באַוועגונגען פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם

די גרעסטע פון זיי איז „הדסה" — 300 טויזנט מיטגלידער. די יידישע וועלט ווייס וועגן דער אויפבוי־אַרבעט פון „הדסה" אין ארץ־ישראל. ווייניקער ווייס מען וועגן דער פּאָליטישער ראָל, וואָס „הדסה" שפּילט אין וועלט־ציוניזם, וועגן דער כסדר פעסטער ווערנדיקער פּאָזיציע פון די „הדסה"־פירערינס אין אַמעריקאַנער ציוניזם. און שוין גאָרניט אָדער כמעט גאָרניט איז געשריבן וועגן דער נאַציאָנאַ־ליזירנדיקער פונקציע פון „הדסה" אין דער יידישער אַמעריקע. דורך דער „הדסה" האָט אַ באַדייטנדיקער טייל יידישע פרויען געפונען אַ פּלאַץ און אַ פאָרם פאַר פריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך. אַנשטאָט אינגאַנצן פאַרלאָרן צו ווערן אין אַן אַמעריקאַנער קרייז באַקאַנטע, האָבן זיי (לכל הפחות אַ געוויסע צייט אין דער וואָך) אַ מעגלעכקייט צו זיין אין אַ יידישער סביבה. זאָל זיין, אַז נאָר געוויסע פראַגן פאַרנעמען זיי, און דערצו אויף אַ ניט צו גרינטלעכן אופן; אָבער אין די לעצטע יאָרן מאַכט די אָנפירונג פון „הדסה" ערנסטע פּרוּוון צו פאַרטיפן די קולטור־אַרבעט צווישן דער מיטגלידער־שאַפט — דורך לעקציעס, ביולעטינען, זשורנאַלן, סעמינאַרן; אויך

דורך אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן אַ פּאָר ערנסטע ביכער אויף ענגליש וועגן יידישע פּראָגן.

ווי אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז וועלן מיר דערמאָנען, אַז אַ גרופּע פון „הדסה" אין ברוקלין פירט אויף שוין דעם דריטן יאָר... אַן אָפּע־רעטע פון גילבערט און סאַליוואַן אויף יידיש, און די אָפּערעטע איז שוין געזען געוואָרן פון איבער צוואַנציק טויזנט צושויער!...

אַ צווייטע זייער ענערגיש אַרבעטנדיקע פּרויען־אָרגאַניזאַציע איז דער „נאַציאָנאַלער ראַט פון יידישע פרויען" (געגרינדעט אין 1893) מיט 350 אָפּטיילונגען אין גאַנצן לאַנד. די צאָל מיטגלידער באַטרעפט 80 טויזנט. בעת די „הדסה" קאָנצענטרירט איר אַרבעט אויפן אויפבוי אין ישראל, טוט דער „פרויען־קאָונסיל", צו וועלכן עס געהערן מערסטנ־טיילס מער אַסימילירטע יידישע פרויען, וויכטיקע אַרבעטן דאָ אין אַמעריקע. באַזונדערס וויכטיק איז זיין ראָל ביים העלפן די־פּי אי־מיגראַנטן זיך איינצואָרדענען ביי אונז אין לאַנד.

אַ דריטע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין איז די זייער אַקטיווע „פּיאָנערן־פרויען־אָרגאַניזאַציע" אין היגן פּועלי־ציוניסטישן סעקטאָר.

די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון די דאָזיקע פרויען־אַקטיוויטעטן דאַרף ניט אונטערגעשאַצט ווערן. אמת, זיי טוען ביז היינט זייער ווייניק אויף צו שטאַרקן דאָס יידיש לעבן, די יידישע קולטור־שעפערישקייט דאָ אין אַמעריקע. זיי פירן ניט קיין קאַמף קעגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. זיי נוצן ניט אויס זייערע מעגלעכקייטן איבערצופלאַנצן צו זייער מיטגלידערשאַפט די גרויסע קולטור־אוצרות פון יידישן פאָלק.

און דאָך איז דאָס שוין איצט און נאָך מער פּאָטענציעל אַ גאָר וויכטיקער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר. אין איראָפּע איז די אָרגאַניזירטע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געווען באַזירט כמעט אויסשליסלעך אויף דעם מענלעכן טייל פון דער באַפעלקערונג. די צאָל פרויען, וואָס זיינען געווען טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז געווען גאַנץ קליין.

דאָ איז די לאַגע אַנדערש און דאָס מיינט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז דער יידישער נאַציאָנאַלער אַקטיוו — די באַזע פון יידישן קיום — איז פאַרטאָפּלט געוואָרן אין כח.

אין לאַגער פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט הויבט מען ערשט אָן צו אנערקענען די וויכטיקייט פון אָרגאַניזירן דעם געזעלשאַפטלעכן כח פון די פרויען־מיטגלידער. דער שנעלער וואוקס פון דער „פרויען־דיוויזיע" ביים יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, די באַדייטנדיקע צאָל אָנ־געשלאָסענע פרויען און די ענערגישע טעטיקייט פון דער אַקטיווער אָנפירונג זיינען אַ גוטער באַווייז, אַז די אַרבעטס־מעגלעכקייטן זיינען דאָ זייער באַדייטנדיק.

אָרגאַניזאַציע פון יידישן רעליגיעזן לעבן

די סינאַגאָגע און די קאָנגרעגאַציע זיינען די עלטסטע פאָרמען פון יידישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, אין דער ערשטער צייט — די איינציקע אָדער לכל הפחות דאָמינירנדיקע פאָרם. די ערשטע יידישע נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנצן אין אַמעריקע ביז צו דער אנטשטייאונג פון „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט" אין 1906 זיינען טאַקע געווען פאַראייניקונגען פון יידישע קאָנגרעגאַציעס.*) אויך היינט פאַרנעמען די סינאַגאָגע און די קאָנגרעגאַציע אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין יידישן לעבן פון אַמעריקע. וואָס קלענער דער ישוב אין שטאָט — אַלץ אָנפירנדיקער איז די ראָל פון דער סינאַגאָגע מיט איר ראַבאַי בראש. די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער רעליגיעזער וועלט, דער „סינאַגאָג־קאונסיל", רעדט בלי ספק, פאַר אַ ביז גאָר וויכטיקן סעקטאָר פון יידישן לעבן.

דער „סינאַגאָג־קאונסיל" איז די קאָאָרדינירער־קערפּערשאַפט פון די דריי וויכטיקסטע שיטות אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט: דעם רעפאָרם־נוסח, דעם קאָנסערוואַטיוון נוסח און דער אָרטאָדאָקסיע. בעת די ערשטע צוויי שיטות זיינען אָרגאַניזאַציאָנעל גוט קאָנסאָלידירט, קאָן מען ניט זאָגן דאָסזעלבע וועגן דער אָרטאָדאָקסיע — דער שיטה מיט דער ווייט גרעסטער צאָל שולן און אָנהענגער. דער רעליגיעזער צענזוס פון 1936 האָט באַוויזן, אַז פון די 3,728 יידישע קאָנגרעגאַציעס אין לאַנד זיינען אַן ערך 3,000 געווען אָרטאָדאָקסישע**); אָבער די „יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגיישאָנס" האָט געציילט און ציילט קוים אַן ערך 500 אָרטאָדאָקסישע שולן און די גרויסע מערהייט

*) דער „באָארד פון דעלעגאַטן פון אַמעריקאַנער איזראַעליטן", געגרינדעט אין 1859; די „יוניאָן פון אַמעריקאַנער היברו קאָנגרעגאַציעס", געגרינדעט אין 1878; די „דזשואיש אַלייענס אָוו אַמעריקא", געגרינדעט אין 1891.

**) אין ניו־יאָרק איז די ערשטע סינאַגאָגע געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1730. אין 1854 זיינען געווען 12 יידישע געבעט־הייזער; אין 1890 — 150 און אין 1942 — איבער 1.500.

פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים געהערט ניט צו די אָרטאָדאָקסישע רבנים־פאַראייען.*)

מיר פאַרצייכענען דאָ אַביסל פאַקטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון יידישן רעליגיעזן לעבן:

א) רבנים־פאַרבאַנדן

רעפאָרם:
"Central Conference of American Rabbis"

קאָנסערוואַטיוו:
"Rabbinical Assembly of America"

אָרטאָדאָקס:
"Union of Orthodox Rabbis," "Rabbinical Council of America," "Rabbinical Alliance of America"

ב) סינאַגאָגע־פאַרבאַנדן

רעפאָרם:
"Union of American Hebrew Congregations"
392 שולן, 60.000 משפחות

קאָנסערוואַטיוו:
"United Synagogue of America"
365 שולן, 75.000 משפחות

אָרטאָדאָקס:
"Union of Orthodox Jewish Congregations"
500 שולן (צאָל מיטגלידער אומבאַקאַנט)

ג) הויך־שולן

אויסער אַ גרעסערער צאָל קאָלעדזשעס און ישיבות, וואָס בילדן אויס רבנים, האָט יעדער פון די דריי נוסחאות צענטראַלע טעאָלאָגישע הויך־שולן, וואָס זיינען זייערע גייסטיקע צענטערן.

רעפאָרם:
Hebrew Union College (Cincinnati); Jewish Institute of Religion (New York)

לעצטנס זיינען דיביידע אַנשטאַלטן אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן.

קאָנסערוואַטיוו: טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ניו־יאָרק מיט אַן אָפּטיילונג אין לאָס אַנדזשעלעס.

אָרטאָדאָקס: ישיבה־אוניווערסיטעט (ניו יאָרק).
Hebrew Theological College (Chicago).

---

*) ביי די אָרטאָדאָקסישע רבנים איז פאַראַן אַ שפּאַלטונג. די עלטערע מזרח־איראָפּעאישע רבנים געהערן צו דער "Union of Orthodox Rabbis" די יינגערע רבנים, מערסטנטיילס גראַדואירטע פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים־קאָלעדזשעס, געהערן צום "Rabbinical Council" און טיילוויז צו דער "Rabbinical Alliance"

אַ באַזונדערע פּאָזיציע, אומאָפּהענגיק פון די דריי שיטות, פאַרנעמט דער „דראָפּסי קאָלעדזש״ אין פילאַדעלפיע, אַ זייער חשובער אַנשטאַלט פאַר פאַרטיפטן יידישן טעאָלאָגישן לערנען און געשיכטלעכער פאָרשונג.

ד) אָרגאַניזאַציעס

רעפאָרם: Temple Brotherhood (130 אָפּטיילונגען); Temple Sisterhood (376 אָפּטיילונגען); Temple Youth (107 אָפּטיילונגען)

קאָנסערוואַטיוו: National Federation of Jewish Men's Clubs; National Jewish Women's League; Young People's League

אָרטאָדאָקס: די פאַרצווייגטע באַוועגונגען פון מזרחי, אגודת ישראל, הפועל המזרחי, פועלי אמוני ישראל, מיט זייערע פרויען־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אויסער דעם אַ ריי אומאָפּהענגיקע יוגנט־באַוועגונגען, ווי „יאַנג איזראַעל״, מיט אַן ערך 10 טויזנט מיטגלידער.

אַ באַזונדערע, ניט שלעכט אָרגאַניזירטע גרופּע זיינען די ספרדישע יידן אונטער דער אָנפירונג פון געוועזענעם רב־הכולל פון יוגאָסלאַוויע, אלקאלאי.

די „רעקאָנסטרוקציאָניסטן״ — היסטאָריש זיינען זיי אַן אָפּשפּליטערונג פון קאָנסערוואַטיוון נוסח — זיינען אפשר אין צאָל די קלענסטע רעליגיעזע שיטה ביי די אַמעריקאַנער יידן. זיי איבן אָבער אויס אַ פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערן איינפלוס אויף דער יידישער גאַס, אַ דאַנק זייער באַזונדערער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פילאָזאָפיע און אויך אַדאַנק דעם פערזענלעכן פּרעסטיזש פון זייער מדריך, הרב מרדכי קאַפּלאַן.

עס איז ניט אונזער אויפגאַבע ברייטער צו אַנאַליזירן דעם אַנטוויקלונג־וועג פון יידישן רעליגיעזן געדאַנק אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט; אונטערשטרייכנדיק די וואָגיקייט פון אָרגאַניזירטן רעליגיעזן סעקטאָר, ווועלן מיר זיך באַגרענעצן צו עטלעכע קורצע און, פאַרשטייט זיך, ווייט ניט אויסשעפּנדיקע באַמערקונגען:

1. אין רעליגיעזן סעקטאָר קומט פאָר אַ גאַנץ אינטענסיוו גייסטיק לעבן. עס ווערן געשאַפן באַדייטנדיקע יידישע קולטור־ווערטן.

2. קיין פעסט־עטאַבלירטער דרך, קיין זיכערער, גוט אויסגעאַרבעטער וועג איז ביים דאָזיקן סעקטאָר ניט פאַראַן — אפשר נאָך ווייניקער, ווי ביי אַנדערע שיכטן פון יידישן קיבוץ. עס איז פאַראַן אַן אינטענסיווע גייסטיקע זוכעניש — און דאָס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן ווי אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג.

3. קיינע פון די דריי הויפּט־שיטות איז אין אַ סטאַבילן, אויס־קריסטאַליזירטן צושטאַנד. אַלע מאַכן דורך גאַנץ שנעלע און אָפּטמאָל ראַדיקאַלע שינוים. עס באַמערקט זיך אָבער, אַז עס קומט פאָר אַ בהדרגהדיקע דערנענטערונג צווישן די דריי נוסחאות. די רעפאָרם־יידישקייט איז געוואָרן מער נאַציאָנאַל און זי קריגט מער רעספּעקט פאַר דער באַדייטונג פון טראַדיציע אין רעליגיעזן לעבן. די אָרטאָדאָק־סישע יידישקייט אַמעריקאַניזירט זיך גאַנץ שנעל און זי איז שוין איצט גאַנץ ווייט פון דער קאָמפּראָמיסלאָזער תורה־יידישקייט פון דער מזרח־אייראָפּעאישער אָרטאָדאָקסיע — פון איר מתנגדישן אָדער חסידישן דרך. באַזונדערס באַציט זיך דאָס צו דער באַדייטנדיקער צאָל יונגע, הי־געבוירענע אָרטאָדאָקסישע רבנים, וואָס אידענטיפיצירן זיך מיט דער „יאָנג איזראַעל״־באַוועגונג. מען קאָן פאָראויסזען אַ נאָך ווייטער־דיקע דערנענטערונג פון די דריי שיטות. דער געמיינזאַמער טרעף־פונקט וועט וואַרשיינלעך זיין אַ מין קאָנסערוואַטיווע יידישקייט—פאַר־שטאַנען פיל ברייטער, ווי אין איר איצטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן און טעאָלאָגישן פּרצוף.

4. הגם די גרונט־איינשטעלונג פון גאַנצן רעליגיעזן סעקטאָר איז, נאַטירלעך, אַז דער יסוד פון יידישקייט איז די יידישע רעליגיע — ווערן אויך דאָרטן אַלץ שטאַרקער די שטימען, אַז דאָס איז ניט דער איינציקער פאַרבינדונגס־עלעמענט פון יידישן פאָלק,—אַז געמיינזאַמע געשיכטע, געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און אַ קאָלעקטיווע געפיל פון צוזאַמענגעהעריקייט, פאַרבונדן מיט אַן אינטענסיווער קול־טור־שעפערישקייט, זיינען אויך אינטעגראַלע עלעמענטן פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום. אָנהענגער פון אַן אויסגעשפּראָכן רעליגיעזער קאָנ־צעפּציע פון יידישקייט קאָן מען היינט נאָך געפינען בלויז ביי אַ קליי־נער גרופּע עקסטרעמיסטישע אָרטאָדאָקסן און ביי די אָנהענגער פון „קאָונסיל אָוו דזשודאאיזם״.

5. די אינטענסיווע און אויפריכטיקע גייסטיקע יערונג ביי אַ געוויסן טייל פון רעליגיעזן סעקטאָר דאַרף אונז ניט פירן צום איבער־שאַצן די וואָג פון דאָזיקן סעקטאָר אין אַלגעמיין יידישן לעבן. דער פאַקט פאַרבלייבט, אַז דער יידישער ישוב אין אַמעריקע איז אין זיין גרויסער מערהייט וועלטלעך. עס איז טאַקע ניט פאַראַן קיין שטאַרקע אַטעאיסטישע אָדער אַפילו אַנטי־קלעריקאַלע באַוועגונג; אָבער דאָס הייסט ניט, אַז די יידן זיינען אַזוי טיף פאַרטאָן אין דער יידישער רעליגיע. פאַרקערט, אַלע אבסערוואַטאָרן שטעלן פעסט, אַז דער איינ־פלוס פון דער יידישער רעליגיע אויפן טאָג־טעגלעכן לעבן פון דורכ־

שניטלעכן ייד, באַזונדערס דעם הי־געבוירענעם, איז ניט קיין גרויסער און טיף־גרייכנדיקער, ניט געקוקט דערויף, וואָס די צאָל מתפללים אום יום־כיפור איז גרויס און וואָס אַ קליינע צאָל יידישע דינים און מנהגים (מילה, בר־מצוה, מזוזה און געוויסע עלעמענטן פון כשרות) ווערן אָפּגעהיט מצד אַ סך יידן — אויך מצד פיל פון ייִנגערן דור.

דער גרעסטער סכום פון יידישער נאַציאָנאַלער ענערגיע ווערט גע־שאַפן און ווערט פאַרווענדט דורך אַנדערע קאַנאַלן און וועגן — פּאָ־ליטיש־נאַציאָנאַלע (ציוניזם), נאַציאָנאַל־העלפערישע (יונאַיטעד דזשו־איש אַפּיל), סאָציאַלע, פּראַטערנאַלע, פילאַנטראָפּישע א. ד. גל.

6. דער אויפריכטיק־זוכנדיקער רעליגיעזער מנהיג פאַרשטייט זייער גוט דעם אין תוך וועלטלעכן כאַראַקטער פון דער יידישער גע־זעלשאַפט — אַ וועלטלעכקייט, וואָס שטייט ניט אין ווידערשפּרוך מיט קולטיווירן דאָס רעליגיעזע לעבן — און ער באַמיט זיך דעריבער צו שטאַרקן זיין איינפלוס אויף דער יידישער גאַס דורך אויסברייטערן זיין טעטיקייט אויף אַנדערע געביטן — דורך גייסטיקער און אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער אָנפירערשאַפט ביים באַזאָרגן אַנדערע הצטרחותן פון דער יידישער באַפעלקערונג — באַזונדערס אויפן געביט פון דער־ציאונג און פאַרווילונג פאַרן יונגן דור. פיל סינאַגאָגעס, טעמפּלען און שולן זיינען טאַקע אַזעלכע דערציאונגס־ און פאַרווילונגס־צענטערן פאַרן יונגן דור.

אויף אָט דעם לעצטן געביט האָט אָבער דער ראַבאַי, די סינאַגאָג און דער טעמפּל אַ שטאַרקן קאָנקורענט אין דער פאָרם פון יענער אינסטיטוציע פאַר קאָלעקטיוון אויסלעבן זיך, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין דער יידישער אַמעריקע און וואָס וועט באַ־שטימט אויסאיבן אַ דעציזירנדיקן איינפלוס אויף דער גייסטיקער און אָרגאַניזאַציאָנעלער געשטאַלטונג פון היגן ישוב — דעם „קאָמ־יוניטי־צענטער“.

נעשאַנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד
און די „צענטער״-באַוועגונג

דער „נעשאַנעל דזשואיש וועלפעיר-באָארד״ איז אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס שפּילט פון טאָג צו טאָג אַ גרעסערע ראָל אין יידישן לעבן — הגם די יידישע פּרעסע ווידמעט איר נאָך אַלץ ניט די אויפמערקזאַמקייט, וועלכע זי פאַרדינט. די אורשפּרינגלעכע פונקציע פון דעם „באָארד״ איז געווען צו באַדינען מיט רעליגיעזער הילף די יידישע זעלנער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. די דאָזיקע טעטיקייט פאַרנעמט אַ גרויסן אָרט אין דער צייט פון מלחמה אָדער מאַסן-מאָביליזאַציע. דער „באָארד״ איז דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון יידישן קיבוץ אין דער קאָמיסיע פאַר רעליגיעזער הילף ביים מלוכהשן פאַרטיידיקונגס-דעפּאַרטמענט. ער קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון די יידישע ראַבאַיס (טשאַפּלענס) אין דער אַרמיי. ער באַזאָרגט זיי מיט נויטיקע מאַטעריאַלן. וויכטיקער אָבער איז, וואָס דער „באָארד״ האַלט אויס אין צענדליקער שטעט, אין שכנות מיט אַרמיי-קעמפּס, ספּעציעלע צענטערן פאַר יידישע זעלנער, וואו די זעלנער געפינען אַ יידישע סביבה, פאַרוויילונג, הילף.

דער וויכטיקסטער צווייג אָבער פון „נעשאַנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד״ איז די דיוויזיע פאַר קאָמיוניטי-צענטערס.

די פאָלגנדיקע ציפערן באַווייזן, ווי שטאַרק די „צענטער״-באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן זינט דער גרינדונג פון דעם ערשטן „צענטער״ (פון די „יאַנג מענס היברו אַסאָסיאיישאַן״) אין 1874.

יאָר	צענטערס	יערלעכע בודזשעטן	מיטגלידער
1921	47	100.000	—
1926	227	250.000	$ 2.500.000
1945	288	427.000	7.100.000
1948	317	468.000	10.000.000
1949	325	483.000	11.535.000

די „צענטער״-באַוועגונג איז זיך זייער פאַנאַנדערגעוואַקסן אין די נאָך-מלחמה-יאָרן. אין 1949 זיינען די „צענטערס״ געווען אַנגאַזשירט אין אַ בוי-פּראָגראַם פאַר 11 מיליאָן דאָלער און מען דאַרף

רעכענען, אַז אין איצטיקן מאָמענט איז דער דרייסטער עקספּאַנסיע־פּראָגראַם פון 26 מיליאָן דאָלער, וואָס די „צענטערס" האָבן פאַר זיך אָנגעצייכנט, שוין אין גרעסטן טייל רעאַליזירט. אין 1949 האָבן 27 „צענטערס" זיך איבערגעטראָגן אין נייע געביידעס אָדער אויסגעברייטערט זייערע ביז־איצטיקע בנינים; 17 האָבן אָנגעהויבן אַ בוי־טעטיקייט, 10 האָבן איינגעקויפט פּלעצער פאַר נייע בנינים א. א. וו. דער פאַרמעגן פון די „קאָמיוניטי־צענטערס" אין לאַנד באַטרעפט איצט אַן ערך פופציק מיליאָן דאָלער.

די „קאָמיוניטי־צענטערס" האָבן ראַדיקאַל געענדערט זייער אויסזען און זייער פונקציע אין יידישן לעבן. די ערשטע „צענטערס" — סיי די געביידעס פון די „יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָנס", סיי די אַזוי־גערופענע „סעטלמענט־הייזער", זיינען געווען אַמעריקאַניזאַציע־אינסטיטוציעס און האָבן געהאַט פאַר אַ ציל וואָס שנעלער צו אַמעריקאַניזירן די ניי־געקומענע אימיגראַנטן. קיין שום פּאָזיטיוון יידישן פּראָגראַם האָבן זיי ניט געהאַט. זיי זיינען דעריבער פאַקטיש געווען נעסטן פון אַסימילאַציע.

די היינטיקע „קאָמיוניטי־צענטערס" ווייסן, אַז זייער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג באַשטייט ניט אין די פאַרווייל־אונטערנעמונגען, וואָס זיי אַראַנזשירן, ניט אין די ספּאָרט־אַקטיוויטעטן, וואָס קומען פאָר אין זייערע געביידעס, נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער זיי באַשאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלע סביבה פאַר די יידישע איינוואוינער פון דער שטאָט אָדער פאַר דער יוגנט.

די „קאָמיוניטי־צענטערס" זיינען שוין איצט אין אַלע שטעט אויף דער פּראָווינץ און אין אַ גרויסער מאָס אויך אין ניו־יאָרק גייסטיקע צענטערן, די זאַמל־פּונקטן פון די יידישע קיבוצים. זיי זיינען בלי שום ספק אין איצטיקן מאָמענט דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין געווינען די יידישע יוגנט פון אַמעריקע פאַרן יידישן פאָלק.

דאָס הייסט לחלוטין ניט, אַז די „קאָמיוניטי־צענטערס" דערפילן זייער אויפגאַבע אין דער פולער מאָס. פאַרקערט, עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי נוצן ניט אויס ווי געהעריק די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זיי האָבן, אַז זיי באַווירקן ניט גענוג שטאַרק דעם האַלבן מיליאָן יונגע און עלטערע יידן, וואָס קומען מיט זיי אין טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט.*) די טויזנט פּראָפעסיאָנעל געשולטע אָנגעשטעלטע זיינען —

*) דער „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד" באַריכטעט, אַז אין 1949 האָבן די פאַרשיידענע „צענטער"־אונטערנעמונגען געהאַט 11 און אַ האַלב מיליאָן באַזוכער, מיט 27 פּראָצענט מער ווי אין 1947.

אין זייער גרעסטער מערהייט — ניט צוגעגרייט צו דער וויכטיקער ראָל, וואָס זיי קאָנען שפּילן אין יידישן לעבן. אין דער ערשטער ריי פעלט זיי יידישער וויסן — שוין אָפּגערעדט פון אַ טיפערער קענטעניש פון די יידישע קולטור־אוצרות. זיי קאָנען אפשר זיין גוטע אָרגאַניזאַטאָרן, ספּאָרט־ און פאַרווייַלונג־אָנפירער, יוגנט־טוער — זיי זיינען מערסטנטיילס ניט דערוואקסן צו דער פונקציע פון גייסטיקע מדרכים.

זיי האָבן ווייניק פאַרשטענדעניש — אוודאי זיינען פאַראַן אויסנאַמען — פאַרן יידישן פאָלקסלעבן, פאַר דער וויכטיקייט פון די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס און פאַר דער קולטור אין דער יידישער שפּראַך.

די סיטואַציע וואָלט אפשר געקאָנט אַביסל געענדערט ווערן, ווען יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, קולטור־טוער וואָלטן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די גרויסע באַדייטונג און די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון דער „צענטער"־באַוועגונג, ווען זיי וואָלטן ברייטער אויסגענוצט די מעגלעכקייטן פון אַרבעט אין „קאָמיוניטי־צענטער", ווען זיי וואָלטן געקעמפט פאַר זייער פּלאַץ אין די אָנפירונגען פון די „צענטערס", ווען יונגע מענטשן מיט מאָדערנער יידישער בילדונג וואָלטן פאַראינטערעסירט געוואָרן און געשולט געוואָרן פאַר אַרבעט אין דער „צענטער"־באַוועגונג.

עס זיינען אין די לעצטע יאָרן געמאַכט געוואָרן אַ ריי פּרואוון פון אַזאַ צוזאַמענאַרבעט מיט דער באַוועגונג פון די „קאָמיוניטי־צענטערס", אין לאָקאַלן און נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. דער דערפאָלג פון אַט די אַלע פּרואוון דאַרף זיין אַ שטויס צו אַ מער אויפמערקזאַמער און מער ענערגישער אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט.

דער „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד" האָט אָרגאַניזירט עטלעכע אָפּטיילונגען, וואָס באַדינען אין דער ערשטער ריי די אָנגעשלאָסענע „צענטערס", אָבער וואָס האָבן שנעל אויסגעברייטערט זייער אַרבעט און האָבן דעם „דזשואיש וועלפעיר באָארד" פאַרוואַנדלט אין איינער פון די וויכטיקסטע קולטור־צענטראַלעס פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב. די דאָזיקע אָפּטיילונגען זיינען:

א) דאָס לעקטאָרן־ביוראָ האָט אין 1949 אָרגאַניזירט 1708 לעקציעס און אַרטיסטישע פּראָגראַמען פאַר 690 אָרגאַניזאַציעס אין 246 שטעט.

ב) דער יידישער ביכער־ראַט, וואָס גיט סיסטעמאַטיש אינפאָרמאַציעס וועגן נייַ־דערשינענע ביכער אויף יידישע טעמעס (אויף

ענגליש, יידיש, העברעאיש), גיט אַרויס דעם באַקאַנטן דריי־שפּראַ־כיקן יאָרבוך און אָרגאַניזירט דעם „חודש פאַרן יידישן בוך".*)

ג) דער יידישער מוזיק־ראַט, וואָס באַדינט הונדערטער אָרגאַ־ניזאַציעס מיט הילף ביים איינאָרדענען מוזיקאַלישע פּראָגראַמען, באַ־זאָרגט מוזיק, לידער־ביכער, אָנווייזונגען און אַרטיסטן פאַר יידישע קולטור־אונטערנעמונגען. דער מוזיק־ראַט האָט אָנגעהויבן צו אָר־גאַניזירן יעדן יאָר אַ „יידישן מוזיק־פעסטיוואַל". די דאָזיקע איניציאַ־טיוו איז וואַרים אויפגענומען געוואָרן און אין לעצטן יאָר האָבן 789 אָרגאַניזאַציעס אין 234 שטעט אָרגאַניזירט אונטערנעמונגען בעת דעם „יידישן מוזיק־פעסטיוואַל".

ד) יידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט — די דאָזיקע חשובע און פאַרדינסטפולע אָרגאַניזאַציע (געגרינדעט אין 1892) האָט די לעצטע יאָרן אַרויסגעוויזן קנאַפּע סימנים פון לעבן. זי איז איצט אָנגעשלאָסן אָן „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד" און פירט אַ סך אַ לעבעדיקערע טעטיקייט ווי פריער.

דער גרעסטער אויפטו פון „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד" נאָך דער מלחמה איז אָבער די פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעט צווישן דער יידישער יוגנט און דאָס באַשאַפן אַ קאָאָרדיניר־קערפּערשאַפט פון אַלע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַלע יידישע יוגנט אַסעמבלי.

אין שייכות דערמיט מוז פאַרצייכנט ווערן, ווי איינער פון די גרעסטע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאָלגן פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב, די געוואַלדיק אויסגעוואַקסענע יידישע יוגנט־באַוועגונג.

*) דער דאָזיקער "חודש" ווערט כסדר פּאָפּולערער אין דער יידישער אַמע־ריקע. אין 1949 האָבן 1978 אָרגאַניזאַציעס אין 476 שטעט איינגעאָרדנט 2.207 אונטערנעמונגען אין שייכות מיטן „חודש פאַרן יידישן בוך".

יידישע יוגנט-באַוועגונג

די צייט, ווען יידישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע האָבן אַזוי געווייכט פון יידישן לעבן, אַז זיי האָבן בשום אופן ניט געוואָלט געהערן צו יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס (דאָס האָט געשמעקט מיט „געטאָ־פסיכאָלאָגיע״) — די צייט געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. היינט־צו־טאָג האָט אַ גאָר גרויסער פּראָצענט פון אַלע יידישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע — צווישן אַ דריטל און אַ העלפט — אַ געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע שייכות מיטן יידישן לעבן, דורך געהערן צו אַ יידישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַ יידישן יוגנט־קלוב. און די יוגנטלעכע שעמען זיך מער ניט מיט דער דאָזיקער אָנגעהעריקייט! פאַרקערט, עס האָט זיך ביי זיי אַנטוויקלט אַ געפיל פון שטאָלץ צוליב זייער פאַרבונדנקייט מיט אַ יידישן יוגנט־פאַרבאַנד, צוליב זייער אַקטיוויטעט אין יידישן „קאָמיוניטי־צענטער״.

די יידישע יוגנט ביים מיטן פון איצטיקן יאָרהונדערט שטעלט מיט זיך פאָר אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן, פילפאַרביקן בילד. מיר האָבן דאָ ניט קיין מעגלעכקייט צו באַשרייבן די צאָלרייכע יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, זייער אידעאָלאָגישן צוגאַנג און זייערע אַרבעטס־מע־טאָדן. סכעמאַטיש קאָן מען דאָ מאַכן אַזאַ פאַנאַנדערטיילונג:

א) די יוגנט פון די „צענטערס״: אין די „צענטערס״ זיינען אָנגעשלאָסן טויזנטער יידישע יוגנט־קלובן. עס קומען דאָרטן אריין יידישע יוגנטלעכע צוליב פאַרוויילונג, ספּאָרט, קולטור־טעטיקייט. צוזאַמען רעכנט מען, אַז די צאָל יוגנטלעכע (און אַזוי־גערופענע „יונגע דערוואקסענע״) באַטרעפט אַן ערך 250,000.

ב) די הלל־פונדאַציעס, וואָס באַדינען כמעט די גאַנצע יידישע סטודענטישע יוגנט. די אָפּטיילונגען פון „הלל״ זיינען אָפטמאָל די איינציקע צענטערס פון יידישער טעטיקייט אין די אוניווערסיטעטן.

ג) די ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג: עס זיינען פאַראַן אַן ערך 15 פּאַרטייאיש־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. עס איז טעטיק אַן „אינטער־קאָלעגיאַט ציוניסטישע יוגנט־פעדעראַציע״ און אַ קאָאָרדי־ניר־קערפּערשאַפט פון אַלע ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. די וויכ־

טיקסטע פון זיי זיינען: די „יונג־הדסה", די „הבונים" (פועלי־ציון), „מסדה".

ד) די רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס — די שוין דערמאָנטע „טעמפל־יוגנט", יאָנג פּיפּלס ליג", „יאָנג איזראַעל" א. אַ. וו.

ה) די יוגנט־אָפּטיילונגען ביי די פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „אלף צדיק אלף" און נאָך דריי יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ביי בני ברית (צוזאַמען 24,000 מיטגלידער), די ענגליש־רעדנדיקע אָפּטיילונג און דער „יאָנג סוירקל" ביים אַרבעטער־רינג.

ו) אַ ריי קלענערע פּאָליטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און יוגנט־אָפּטיילונגען ביי הילף־אָרגאַניזאַציעס.

ז) צו דער גרופּע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס דאַרף מען אויך צורעכענען די 29 יידישע סטודענטן־פאַרבאַנדן („פראַטערניטיס" און „סאָראָריטיס") וואָס ציילן צוזאַמען אַן ערך 63,000 מיטגלידער.*) עס איז אָבער שווער צו זאָגן אויף וויפיל די דאָזיקע גרויסע צאָל דריקט אויס דעם ווילן פון יידישע סטודענטן און סטודענטקעס צו פאַרברענגען צוזאַמען אין אַ יידישער סביבה, און אויף וויפל זיי זיינען בלויז אַ רעזולטאַט פון טרויעריקן פאַקט, אַז אַ באַדייטנדיקע צאָל אַלגעמיינע „פראַטערניטיס" און „סאָראָריטיס" מאַכן שוועריקייטן ביים אָננעמען יידן אַלס מיטגלידער.

אַלנפאַלס שפּילט דער לעצטער טיפּ יוגנט־פאַראייניקונגען ניט קיין גרויסע ראָל ביים אידייאיש באַאיינפלוסן און נאַציאָנאַל דערציען דעם יונגן אַמעריקאַנער יידישן דור.

אָבער אויך אָן דעם איז דאָס אַלגעמיינע בילד גענוג קאַלירפול. און דאָס וויכטיקסטע: דאָס איז אַ געביט, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט דורך אַ שנעלן, פיבערהאַפטן וואוקס — וואוקס אין צאָל און וואוקס אין מהות.

דאָס מיינט לחלוטין ניט, אַז די יידישע יוגנט האָט דערגרייכט וועלכע ניט איז הויכע מדרגה פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אָדער, אַז זי צייכנט זיך אויס מיט פאַרטיפטן וויסן, מיט אַ גרויסן קולטור־הונגער אָדער גאָר קולטור־שעפערישקייט. דערווייל האַלטן מיר נאָך גאָר־גאָר ביי בראשית. עס איז ערשט אין די סאַמע לעצטע יאָרן געלונגען אין אַ גרעסערער מאָס אָפּצושטעלן דאָס דראַנג פון יונגן דור אַוועקצוגיין פון דער יידישער סביבה. עס זיינען דערגרייכט גע־

*) דאָס זיינען ניט בלויז יוגנטלעכע. צו די דאָזיקע פאַרבאַנדן געהערן אויך דערוואַקסענע נאָכן גראַדואירן פון קאַלעדזש.

וואָרן באַדייטנדיקע רעזולטאַטן ביים מנצח זיין דאָס מינדערוועדטי־קייט־געפיל, פון וועלכן פיל יונגע יידן האָבן געליטן און די ביטול־באַציאונג, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו יידישע פאָלקס־ענינים. עס איז ביי אַ געוויסן טייל פון דער יוגנט אויפגעקומען אַ באַדערפעניש זיך אויסצולעבן אין אַן אייגענער יידישער סביבה און ביי אַ גאָר קליי־נער מינדערהייט איז פאַראַן אַן אויפריכטיקער און ערנסטער פאַרלאַנג אָנצופילן די דאָזיקע ניי־אַנטדעקטע יידישקייט מיט אַ גייסטיקן אינ־האַלט.

צו אָט דער זוכנדיקער, אָנפירנדיקער מינדערהייט אַפּעלירט אין דער ערשטער ריי די לעצטנס געשאַפענע „נאַציאָנאַלע יידישע יוגנט־קאָנפערענץ". אירע יערלעכע סעמינאַרן־צוזאַמענפאָרן צייכענען זיך אויס מיט זייער ערנסטקייט, פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דעמאָקראַטישן גייסט.

די „קאָנפערענץ" האָט אויך סטימולירט די אַנטוויקלונג פון לאָקאַלע „יוגנט־ראַטן" און „ראַטן פון יונגע דערוואקסענע" — פאַר־איינינקונגען פון אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און „יוגנט־קלובן" אין דער געגעבענער שטאָט. אין איצטיקן מאָמענט זיינען פאַראַן „יוגנט־ראַטן" אין 189 שטעט; „ראַטן פון יונגע דערוואקסענע" — אין 127 שטעט.

אין די רייען פון דער בנייט־פאַרצווייגטער יידישער יוגנט־באַוועג־גונג איז פאַראַן אַ פיינער, אינטעליגענטער שיכט פון יוגנטלעכע, וואָס וועלן נאָך מאַכן אַ היפשן, ווערטפולן ביישטראג צו דער פאַרפעסטיקונג פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקע.

סאָציאַלע זעלבסטהילף

פון דעם ערשטן יידישן הילף־פאַריין מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, וועמענס גאַנצער קאַפּיטאַל האָט באַטראָפן 300 דאָלער, ביז צו די היינטיקע מעכטיקע צדקה־פעדעראַציעס מיט זייערע גראַנדיעזע יערלעכע ביודזשעטן — דאָס איז דער באַרג־אַרויף־וועג פון דער יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף. מיט 50־60 יאָר צוריק האָט מען אָנגעהויבן מיט אַ קליניק אין אַ פינצטערן קעלער־שטיבל אויף דער איסט־סאַיד; היינט איז די דאָזיקע קליניק אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן מעדיצינישן צענטער, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנצן בלאָק און וואָס איז דער שטאָלץ פון גאַנץ אַמעריקע.

אין די ראַמען פון אָט דער אַרבעט קאָנען מיר ברענגען בלויז עטלעכע סך־הכל־ציפערן.*) מיר וועלן דעריבער נאָר דערמאָנען, אַז דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב האָט אויפגעבויט און האַלט אויס, צווישן אַנדערע:

50 שפּיטאָלן,
71 מושב־זקנים־אַנשטאַלטן,
110 קינדער־אַנשטאַלטן,
87 פאַמיליע־אַגענטורן.

אין דער יו־ען זיינען פאַראַן זיכער מער ווי אַ העלפט לענדער, וואָס וואָלטן זיך געוואונשן איצט, אָדער אין דער נאָענטער צוקונפט צו האָבן אַזאַ נעץ פון אַנשטאַלטן פאַר מעדיצינישער הילף און סאָציאַלער פאַרזאָרגונג!

דאָס אויפבויען און אויסהאַלטן אַזוי פיל אַנשטאַלטן — אונז מערסטנטייל זיינען עס גרויסע אַנשטאַלטן, פון די סאַמע גרעסטע אין שטאַט — איז, נאַטירלעך, פאַרבונדן מיט גרויסע קאָסטן. אָבער דאָס

---

*) פיל באַלערנדיקן, אינפאָרמאַטיוון מאַטעריאַל וועגן יידישער סאָציאַלער זעלבסטהילף אַנטהאַלטן די „יאָרביכער פאַר יידישער סאָציאַלער אַרבעט" און די „פערטליאָריקע צייטשריפט פאַר יידישער סאָציאַלער דינסט" — אין דער ענגלישער שפּראַך. אַן אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן וואוקס פון יידישע הילף־אַנשטאַלטן געפינט מען אין דעם נאָר וואָס דערשינענעם ביכל:
"This is your Federation"

איז נאָך ווייניק: דווקא אין איצטיקן מאָמענט זיינען די אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער זעלבסטהילף אין אַ פּאַזע פון אַ זייער ברייטער עקספּאַנסיע. אין יעדן גרעסערן יידישן ישוב ווערן געבויט נייע האָספּיטאַל־געביידעס, נייע אַנשטאַלטן פאַר עלטערע און כראָניש־קראַנקע, און עס ווערן אַריינגעלייגט גרויסע סומען געלט אויף אויס־צוברייטערן, איבעררעמאָנטירן די שוין עקזיסטירנדיקע בנינים. דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ פינאַנדערבוי־ביודזשעט, וואָס וועט איינשלייגען, לויט די ביודזשעט־פּלענער פון 1949, אַן ערך 75 מיליאָן דאָלער. אַ גאַר גרויסער טייל פון די געלטער איז שוין געזאַמלט און אויסגע־געבן געוואָרן.

אין שייכות מיט אָט דער טעטיקייט הויבן זיך אויף אַ ריי פּראָ־בלעמען. מיר וועלן בלויז אויסרעכענען צוויי פון זיי:

מיר באַנוצן זיך כסדר מיט דעם טערמין „יידישע סאָציאַלע זעלבסט־הילף״. אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין. אָט דעם טערמין באַנוצן כסדר די מער אויפגעקלערטע טוער, די „סאָשעל וואָרקערס״ פון די דאָ־זיקע אַנשטאַלטן. אין דער אמתן אָבער איז אויף דעם דאָזיקן געביט נאָך זייער שטאַרק פאַראַנקערט דער אַלטער צוגאַנג, וואָס איז אויך פאַרבליבן אין נאָמען פון פיל אַזעלכע אינסטיטוציעס — יידישע פּי־לאַנטראָפּיע״. עס באַלעבאַטעווען נאָך מיטן גרעסטן טייל פון די דאָזיקע אַנשטאַלטן קליינע גרופּקעס גבירים־מנדבים און קאָמיטעטן פון וואוילטעטיקע דאַמען, און עס איז נאָך ביי די דאָזיקע מענטשן ניט אויסגעראָטן געוואָרן דער אומדעמאָקראַטישער, פילאַנטראָפּישער צו־גאַנג.

אמת, די לאַגע איז איצט בעסער ווי מיט יאָרן צוריק. ערשטנס, זיינען פאַראַן עטלעכע אַנשטאַלטן, וואָס טראָגן אַ פיל פּאָלקסטימלע־כערן כאַראַקטער, וואָס זיינען אין אַ גרעסערער מאָס דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט — ווי די סאַנאַטאָריומס אין דענווער און לאָס־אַנדזשעלעס. די דאָזיקע אַנשטאַלטן וואָלטן געקאָנט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע.

צווייטנס, זיינען היינט די שפּיטאָלן, מושבי זקנים, בתי־יתומים שוין ניט מער דאָס אויסשליסלעכע אייגנטום פון די דירעקטאָרן־ראַטן. זיי שטיצן זייערע ביודזשעטן אַלץ מער און מער אויף אַלגע־מיינע קהילה־זאַמלונגען, די וועלפער־פאַנדס. און ווי אומדעמאָ־קראַטיש די וועלפער־פאַנד־פאַרוואַלטונגען און די קאָמיוניטי־קאַונסילס זאָלן ניט זיין — עס איז פאָרט אַ שריט אין דער ריכטונג פון דעמאָ־קראַטיזאַציע!

דאָס פּראָבלעם פון יידישן „סאָשעל וואָרקער״ איז איינס פון די וויכטיקסטע און פאַרנאַכלעסיקטסטע פּראָבלעמען פון היגן לעבן. דאָס, וואָס איז פריער געזאָגט געוואָרן וועגן אָנגעשטעלטן פון „יידישן קאָמיוניטי־צענטער״, באַציט זיך אין אַ נאָך גרעסערער מאָס צום אָנגעשטעלטן פון יידישן שפּיטאָל, יתומים־הויז, צו דער מיטאַרבע־טערין פון אַ יידישן ביורא פאַר פאַמיליע־דינסט. זייער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין איז ניט ווי געהעריק אַנטוויקלט. זייער יידישער וויסן איז קליין און אָפטמאָל פאַרקריפּלט מיט פיל פאַלשקייטן. אָפּגעריסן גייסטיק פון דער יידישער מאַסע — הגם זיי קומען מיט איר אין טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט — אין כסדרדיקער מורא פאַר דעם הייפל גבירישע תקיפים, אָן אַן אָנשפּאַר אָן דער יידישער אַרבעטער־ און פאָלקס־באַוועגונג — מוז זיך ביי זיי אַנטוויקלען אַ ביוראָקראַטישער צוגאַנג צו זייער אַרבעט. דערפון — די געגרעכטע טענה וועגן ביוראָקראַטישן גייסט, וואָס הערשט אין אַזוי פיל יידישע אינסטיטוציעס.

דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב מעג טאַקע שטאָלצירן מיט זיין גרויסער נעץ אימפּאָזאַנטע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף. ער דאַרף אָבער ניט אַריינפאַלן אין זעלבסטצופרידנקייט. זיי זיינען מערסטנ־טיילס גרויסע, אימפּאָזאַנטע געביידעס. זיי זיינען אָבער אָפטמאָל גייס־טיק ליידיקע.

קולטור און דערציאונג

ערשט ווען מען גייט אַריין אין די גרויסע יידישע אַנשטאַלטן פאַר סאָציאַלער הילף, ווען מען באַקענט זיך מיט זייערע מיליאָניקע ביודזשעטן און מיט זייערע גוואַלדיקע עקספּאַנסיע־פּלענער (אַזאַ יידישער ישוב, למשל, ווי אין באַלטימאָר, וואו עס וואוינען 75 טויזנט יידן, איז צוגעטראָטן צו בויען אַ מעדיציניש צענטער פאַר צוועלף מיליאָן דאָלער) — ערשט דאַן זעט מען ווי ווייניק דאָס אַמעריקאַנער יידנטום טוט אויף אויפן געביט פון קולטור און דערציאונג. מיר קאָנען זיך ניט אַריינלאָזן אין אַנאַליזירן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב — עס פאַרבלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז די הויפּט־ענערגיע איז דאָ די גאַנצע צייט פאַרוועגדעט געוואָרן אויף קעגנזייטיקער מאַטעריעלער הילף (די פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, די פּראַטערנאַלע און לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס), אויף דערהויבן זיך עקאָנאָמיש (די מעכטיקע יידישע טרייד־יוניאָנס זיינען נאָר איין ביישפּיל דערפון) און — אויף פאַרווילונג (די „קאָמיוניטי צענטערס”).

במשך פון דורות איז סיסטעמאַטיש פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דער ענין קולטור און דערציאונג. און אויך איצט איז די לאַגע אויף אָט דעם פראָנט אַ דערדריקנד־טרויעריקע, הגם געוויסע שריט צום בעסערן לאָזן זיך בפירוש באַמערקן. די קולטור־אַרבעט, יידישער חינוך, שטייט ניט אין סאַמע צענטער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט. די יידישע קהילה אין בוענאָס איירעס האָט דורך דעם מויל פון איר פאָרזיצער עפנטלעך דערקלערט, אַז זי באַטראַכט די באַזאָרגונג פון יעדן יידישן קינד מיט אַ יידישער שול פאַר איר וויכטיקסטער אויפגאַבע. מיר האָבען ניט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַזעלכע קהילה־פאָרזיצערס.

לאָמיר פונדעסטוועגן פאַרצייכענען די פאַראַנענע פאָזיטיווע דערגרייכונגען, — אָבער לאָמיר קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז דערגרייכט איז ביז איצט געוואָרן בלויז אַ מינימום און אַז דאָס שוין אויפגעבויטע קאָן האָבן אַ נאַציאָנאַלע באַדייטונג נאָר אויף

אַזוי פּיל, אויף וויפיל עס וועט דינען ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ גרויסער קולטור־אָפּענסיווע אויף דער יידישער גאַס.

א. שול־וועזן

די יידישע שולן טיילן זיך כידוע אין דריי גרופּן — די זונטיק־שולן, די נאָכמיטאָג־שולן אין וואָך־טעג, און די פולע טאָג־שולן. אין ציפערן שטעלט זיך עס פאַר אַזוי: *)

די צאָל שילער אין די יידישע שולן וואַקסט — זי איז אין לעצטן יאָר אויסגעוואַקסן אויף 6 פּראָצענט. אָבער זי וואַקסט ווייט ניט אַזוי שנעל, ווי מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן אין אַ יאָר, וואָס האָט געזען די יידישע נאַציאָנאַלע סענטימענטן אין אַמעריקע אָנגעהיצט ביזן העכסטן גראַד. דערביי קומט נאָך צו, וואָס פון דעם וואוקס געניסן דערווייל אָם מערסטן די זונטיק־שולן, וואו מען גיט יידיש וויסן אויפן סאַמע שפּיץ לעפעלע. ביי זיי האָט דער צוּוואוּקס באַטראָפן 6.5%, בעת אין דער צווייטער גרופּע — בלויז 3%. אויך באַמערקט מען, אַז פון וואוקס פון די צוגאָב־שולן געניסן דער עיקר די שולן ביי קאָנגרעגאַציעס, ד. ה. תלמוד־תורהס. די אַנדערע טיפּן שולן פאַרצייכענען ניט אַזאַ וואוקס.

אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג איז דער וואוקס פון טאָג־שולן (מערסטנטיילס ישיבות), וואו די קינדער פאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג. מיר שטרייכן אונטער די דאָזיקע דערשיינונג ווי אַ פּאָזיטיווע, כאָטש ביז איצט האָט נאָך דער וועלטלעכער יידישער קולטור־סעקטאָר אין אַמעריקע ניט צו פאַרצייכענען קיין ערנסטע אויפטוען אויף אָט דעם געביט (די לאַגע איז פּונקט פאַרקערט אין דער שכנותדיקער קאַנאַדע). דאָס זאָגט עדות אויף אַ פּסיכאָלאָגישן איבערברוך ביי אַ געוויסן טייל עלטערן.

אַז אַזאַ רעוואָלוציע איז מעגלעך און אַז עס איז מעגלעך אין די ראַמען פון אַמעריקאַנער בילדונגס־סיסטעם אויפצובויען אַן אויטאָנאָמע שול־נעץ — דאָס באַווייזט אונז די דערפאַרונג פון קאַטוילישן לאַגער. דאָרט האָט מען פון סאַמע ערשטן טאָג דערשאַצט די באַדייטונג

*) די ציפערן זיינען פאַרן יאָר 1949 און באַציִען זיך צו 107 שטעט, וואו עס וואוינען 81 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד.

זונטיק־שולן	128.719 קינדער	52.3%
נאָכמיטאָג־שולן און טאָג־שולן	122.109 קינדער	47.7%
	250.828 קינדער	

פון אַן אייגענעם שול־וועזן, ניט געקוקט דערויף, וואָס די באַדינגונגען פאַר איינפלאַנצן קאַטוליש־קריסטלעכע ווערטן אין די שילער זיינען ניט אומגינסטיק אפילו אין דעם ניט־רעליגיעזן ־אַמעריקאַנער עפנטלעכן שול־וועזן, און נאָך יאָרן פון עקשנותדיקער אַרבעט האָבן די קאַטאָליקן דערגרייכט אַ מצב, וואו די מערהייט קאַטוילישע קינדער גייט אין פריוואַטע פּאַראַכיאַלע שולן און צענדליקער טויזנטער גייען אויך אין קאַטוילישע מיטל־שולן און קאַלעדזשעס.

אין 1935 זיינען געווען בלויז 18 יידישע טאָג־שולן — פון זיי 16 אין ניו יאָרק. אין 1949 זיינען געווען 126 טאָג־שולן אין 17 שטאַטן (68 אין ניו יאָרק, 58 — אין אַנדערע שטעט). די צאָל שילער איז געוואקסן פון 5 טויזנט אויף 18.6 טויזנט (13.4 טויזנט ייִנגלעך און 5.2 טויזנט מיידלעך) — וואָס דאָס באַטרעפט שוין 7.3% פון אַלע קינדער, וואָס באַזוכן יידישע שולן.

אַן ערך אַ דריטל פון די קינדער אין די טאָג־שולן באַזוכן יידישע קינדער־היימען; אַ העלפט — ישיבות; און די איבעריקע (קנאַפּע 2500) גייען אין ישיבות־מיטלשולן.

די פאַרשטאַרקונג פון יידישן שול־וועזן דריקט זיך אויך אויס אין וואוקס פון די פאָנדן, וואָס דער יידישער ישוב גיט אויס אויף דעם דאָזיקן צוועק. אין 1935 האָט מען געשאַצט, אַז דאָס אַמערי־קאַנער יידנטום גיט אויס אויף יידישער בילדונג (דאָס איז, פאַר־שטייט זיך, אַ ברייטערער באַגריף, ווי שול־וועזן) די סומע פון $4,900,000. מען האַלט, אַז די סומע איז איצט פיר פאַכיק גרעסער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די שולן באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן וואוקס — הגם וויפל ער באַטרעפט, ווייס מען ניט.

אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג איז דערביי די געענדערטע באַציאונג פון די וועלפעיר־פאָנדס און פעדעראַציעס.

אין 1936 האָבן בלויז 29 פעדעראַציעס געשטיצט די יידישע „עדיוקיישאָנעל ביוראָס” און זיי האָבן דערויף אויסגעגעבן 523 טויזנט דאָלער. אין 194 איז די צאָל אונטערשטיצנדיקע פעדעראַציעס אויסגעוואַקסן ביז צו 53 און זייער באַשטייערונג האָט באַטראָפן 2,181,000 דאָלער.

די דאָזיקע סומען האָבן באַטראָפן אין 1936 — 6.1% און אין 1947 — 8.8% פון די ביודזשעטן פון די „פעדעראַציעס”. און מען דאַרף געדענקען, אַז דווקא אין 1947 האָבן די וועלפעיר־פאָנדס און פעדעראַציעס געשניטן זייערע באַשטייערונגען פאַר לאָקאַלע הצטרכותן, ווייל עס איז דאַן געווען די צייט ערב דער פּראָקלאַמירונג פון דער

יידישער מלוכה. דאָס זאָגט עדות, אַז אין די דאָזיקע קרייזן וואַקסט די פאַרשטענדעניש פאַרן פּרינציפּ, אַז אויסהאַלטן יידישע שולן פאַר יידישע קינדער דאַרף מער ניט זיין די לאַסט פון עלטערן־גרופּן, שול־טוער, קאָנגרעגאַציעס, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַז דאָס איז אַן עלעמענטאַרע קהילה־פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מען דאַרף אויך פאַרצייכענען דעם פּאַראַלעלן וואוקס פון די „יידישע בילדונגס־קאָמיטעטן", וואָס גיבן אַכטונג, העלפן, קאָאָרדי־נירן די טעטיקייט פון די שולן אין דער געגעבענער שטאָט. אין 1947 זיינען געווען 35 אַזעלכע לאָקאַלע שול־קאָמיטעטן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער „דזשואיש עדיוקיישאָן קאָמיטי" פון ניו יאָרק, אַ נאָכפאָלגער פון „ביוראָ פאַר יידישער בילדונג", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1910. זיין יערלעכער ביודזשעט באַטרעפט $320.000.

די שולן אין דער יידישער שפּראַך געניסן נאָך דערוויל אין אַ קליינער מאָס פון אָט די אַלגעמיינע פאָנדן. די אַרבעטער־רינג שולן האָבן אין 1948 געהאַט אַ ביודזשעט פון אַן ערך 450 טויזנט דאָלער. זיי האָבן זיך צונויפגעשטעלט אויף אַזאַ אופן:

בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג — — —	$100.000
וועלפעיר פאָנדס — — — — — — — — — —	75.000
שכר לימוד און עלטערן־ביישטייערונגען —	150.000
זאַמלונגען — — — — — — — — — — — —	125.000

עס איז געשאַצט געוואָרן, אַז אין 1948 האָבן אין אַלע יידישע שולן געלערנט 17 טויזנט תּלמידים.

ב. בילדונג פאַר דערוואַקסענע

די וויכטיקסטע יידישע לערן־אַנשטאַלטן פאַר יוגנט און דערוואַק־סענע זיינען די פריער דערמאָנטע טעאָלאָגישע הויך־שולן פון די דריי רעליגיעזע שיטות. זיי זיינען פיל מער ווי רבנים־סעמינאַרן. זיי זיינען וויכטיקע צענטערן פון יידישער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און האָבן אַ ריי אַלגעמיין יידישע לימודים — הגם אין איצטיקן מאָמענט האָט קיינער פון זיי ניט איינגעפירט קיין לימוד פון יידיש און יידישער לי־טעראַטור.

אין 1947 האָבן די ביודזשעטן פון די דריי וויכטיקסטע טעאָלאָגישע הויך־שולן (היברו יוניאָן קאַלעדזש, יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר און ישיבה־אוניווערסיטעט) באַטראָפן 2,082.856 דאָלער. בלויז 158 טויזנט דאָלער זיינען געקומען פון פעדעראַציעס און וועלפעיר־פאָנדן.

די איינציקע ניט־רעליגיעזע יידישע הויך־שול אין אַמעריקע איז דער יידישער לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק.*)

יידישע לימודים ווערן געלערנט אין אַ ריי אַמעריקאַנער קאָלעד־זשעס. עס זיינען ניטאָ קיין ציפערן וויפל סטודענטן עס לערנען זיך אָט די לימודים. אין די לעצטע יאָרן האָבן אַ ריי קאָלעדזשעס איינגע־פירט דעם לימוד פון העברעאיש. יידיש ווערט געלערנט בלויז אין דריי ניו יאָרקער קאָלעדזשעס. אין די פּאָר יאָר זינט די דאָזיקע לימודים זיינען איינגעפירט געוואָרן, האָבן זיי צוגעצויגן אַ היפּשע צאָל סטודענטן.

די הויפּט־קאַנאַלן פון יידישער בילדונג פאַר דערוואַקסענע זיינען פאָרלעזונגען, דיסקוסיעס, סעמינאַרן אין איינער פון די פריער אויס־גערעכנטע אָרגאַניזאַציעס; לעקציעס און קולטור־פּראָגראַמען פון אַ הויכן ניוואָ ווערן צוגעגרייט דורך דעם פריער דערמאָנטן לעקטאָרן־ביוראָ פון נעשאַנעל דזשואיש וועלפעיר־באָארד. עס באַמערקט זיך לעצטנס אַ פאַרגרעסערטער אינטערעס צו לעקציעס אויף יידישע טע־מעס, אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ביז איצט אַ טראָפּן אין ים — ווייט ניט גענוג אויף בייצוקומען דעם אומוויסן פון יידישע ענינים, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ענגליש־רעדנדיקן אַמעריקאַנער ייד.

ווי אומגענוגנד די יידישע בילדונג איז קאָן מען זען פון אַן אויספאָרשונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן דער דערוואַקסע־נער באַפעלקערונג פון אַ טיפּישן ישוב פון 10 טויזנט יידן.**) אָט זיי־נען די רעזולטאַטן:

	אַלגעמיינע בילדונג	יידישע בילדונג
אָן פאָרמעלער בילדונג	2.9 %	11.83%
עלעמענטאַרע (אָנגעהויבן אָדער פאַרענדיקט)	10.9	48.46
מיטלשול (אָנגעהויבן אָדער פאַרענדיקט)	47.6	—
קאָלעדזש (אָנגעהויבן אָדער פאַרענדיקט)	25.1	1.46
פאַרשידן	2.4	18.19
פּריוואַט		6.65
ניט געענטפערט	11.1	13.43
	100.00	100.00

*) דער בראַנדעיס־אוניווערסיטעט, געשאַפן און אויסגעהאַלטן דורך יידן, דאַרף נאָך ערשט באַווייזן, צי ער וויל און וועט ווערן אַ צענטער פון יידישער בילדונג.

**) אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ.

די 48.46%, וואָס האָבן באַזוכט (בלויז אָנגעהויבן אָדער פאַר־ענדיקט) יידישע עלעמענטאַרע שולן, טיילן זיך אַזוי:

זונטיק־שולן — — —	25.48%
נאָכמיטאָג־שולן — — —	18.19
יידישע שולן — — —	3.43
טאָג־שולן — — —	1.32

יידישע קולטור־שאַפונגען אין דער ענגלישער שפּראַך

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט אַ יידישע קולטור־שאַפונג אין דער ענגלישער שפּראַך. מיר וועלן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אָפּשאַצן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון די דאָזיקע שאַפונגען. עס איז קיין ספק ניט, אַז אין מערסטן טייל פאַלן שטייען זיי ווייט צוריק בנוגע פאַראַלעלע שאַפונגען אויף יידיש. באַזונדערס באַציט זיך דאָס צו דער שיינער ליטעראַטור, וואו עס איז נאָך ביז איצט פון דער ענגליש־רעדנדיקער יידישער מאַסע ניט אויפגעקומען קיין איין דיכטער פון אַ נאַציאָנאַלער באַדייטונג. אָבער אַ געוויסע טענדענץ צו פאַרטיפונג באַמערקט זיך דאָך.

מיר וועלן בקיצור אויסרעכענען די וויכטיקסטע פאָרמען פון דער דאָזיקער קולטור־שעפערישקייט.

וויסנשאַפט. אויסער די שוין דערמאָנטע קאָלעדזשעס און דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, וועלן מיר נאָך אויסרעכענען אַ פאָר צענטראַלע אינסטיטוציעס:

American Academy for Jewish Research
Conference for Jewish Relations
Jewish Academy of Arts and Sciences

יידישע סטאַטיסטישע ביוראָ.

דער אינסטיטוט פאַר יידישע פאָרשונגען און די ביבליאָטעק ביים אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט.

דער יידישער מוזיי.

דער יידישער ברייל־אינסטיטוט פאַר יידישע בלינדע.

קונסט. גרויסע אויפטוען קאָן מען פאַרצייכענען אויפן געביט פון זאַמלען יידישע קונסט־ווערטן (יידישער מוזיי אין ניו יאָרק), איינאָרדנען אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער (יידישער מוזיי, קאָמיוניטי־צענטערס).

וויכטיקע אַרבעטן ווערן געטאָן אויפן געביט פון זאַמלען און באַ־

אַרבעטן יידישע ליטורגישע מוזיק. אַ רייע ערנסטע קאָמפּאָזיטאָרס האָבן באַרייכערט די יידישע מוזיק (ווידער אַמאָל, דער עיקר — ליטורגישע) מיט ווערטפולע ווערק.

פּרעסע און זשורנאַלן

די ענגליש־יידישע פּרעסע איז שוין אַלט איבער הונדערט יאָר און עס גייען איצט אַרויס אין לאַנד אַן ערך 85 לאָקאַלע זשורנאַלן אויף דער ענגלישער שפּראַך. זיי שטייען אָבער — מיט גאָר־גאָר ווייניק אויסנאַמען — אויף אַ נידעריקן ניוואָ און שפּילן דערווייל אַ גאַנץ קליינע ראָל אַלס קולטור־פאַקטאָרן. זייער הויפּט־פונקציע באַשטייט אין אינפאָרמירן דעם לייענער וועגן לאָקאַלע און, טיילווייז, אַל־געמיינע יידישע געשעענישן.

די מערהייט פון די זשורנאַלן, וואָס פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס גיבן אַרויס אויף דער ענגלישער שפּראַך, שטייען ניט פיל העכער ווי די צייטונגען. עס זיינען פאַראַן בלויז געציילטע ענגליש־יידישע זשורנאַלן, וואָס שטייען אויף אַן אַנטשפּרעכנדיקער הויך און באַהאַנדלען ערנסט די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן.

ביכער

די צאָל ביכער אויף יידישע טעמעס, וואָס דערשיינען אין דער ענגלישער שפּראַך, וואַקסט גאַנץ שנעל. אַ רשימה, וואָס איז פאַר־עפנטלעכט אין „אַמעריקאַנער יידישן יאָרבוך", אַנטהאַלט 162 נעמען. זיי טיילן זיך, לויט געביטן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

געשיכטע — — — — — — 9	קריטיק, עסייען — — — 15
יידן אין די פאַרייניקטע	הומאָר — — — — — — 6
שטאַטן — — — — — 6	שיינע ליטעראַטור — — — 32
יידן אין אייראָפּע — — — 2	קונסט — — — — — — — 5
טאָג־פּראָבלעמען — — — 2	ביאָגראַפיע — — — — — 20
צווישן־גרופּן באַציאונגען — 6	יוגנט — — — — — — — 14
רעליגיע און פילאָזאָפיע — 25	טעקסט־ביכער — — — — 4
ליטורגיע — — — — — 4	רעפערענץ־ביכער
דרשות — — — — — — — 3	יאָרביכער — — — — — — 11

טעאַטער און ראַדיאָ

עס זיינען פאַראַן אַ ריי אַמאַטאָרישע גרופּן, וואָס פירן פון צייט צו צייט אויס פאָרשטעלונגען אויף יידישע טעמעס אין דער ענגלי־

שער שפּראַך. אַ ריי פּרואוון אויפצופירן דראַמען פון יידישן לעבן אויף דער פּראָפעסיאָנעלער ענגלישער בינע האָבן ניט געהאַט קיין דער־פאָלג. אַ וויכטיקע פּאָזיציע איז בלויז דער יידישער קינדער־טעאַטער ביי דער „דזשואיש עדיוקיישאָן קאָמיטע" אין ניו יאָרק.

דאַקעגן זיינען געלונגען עטלעכע ראַדיאָ־פּראָגראַמען. דער „נר־תמיד"־פּראָגראַם, אַראַנזשירט דורכן יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, געהערט צו די קינסטלערישע פּראָגראַמען אין אַמעריקאַנער ראַדיאָ און האָט געוואונען אַ ריי אויסצייכענונגען.

קולטור־שאַפונג אויף העברעאיש

די קולטור־שאַפונג אויף העברעאיש קאָנצענטרירט זיך אין עט־לעכע פּעריאָדישע זשורנאַלן. די צאָל דערשינענע העברעאישע ביכער איז אַ גאַנץ קליינע. קיין ציפערן וועגן אימפּאָרט פון העברעאישע ביכער פון ישראל זיינען ניט פאַראַן. באַדייטנדיקע דערגרייכונגען האָט העברעאיש צו פאַרצייכענען אויפן געביט פון שול־וועזן. העברעאיש ווערט געלערנט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אין דער מער־הייט פון די יידישע נאָכמיטאָג־שולן און אין די טאָג־שולן. אויסער דעם, איז איינגעפירט געוואָרן העברעאיש אַלס אַ לימוד אין אַ באַדייטנדיקער צאָל אַלגעמיינע מיטלשולן. קנאַפּע 4,000 שילער האָבן אין 1949 זיך געלערנט העברעאיש אין ניו יאָרקער מיטלשולן — מיט 65% מער, ווי מיט 10 יאָר צוריק.

אין אַמעריקאַנער קאַלעדזשעס ווערן געגעבן 110 קורסן פון דער העברעאישער שפּראַך. אין ניו יאָרקער קאַלעדזשעס האָבן זיך רע־גיסטרירט אין די העברעאישע דעפּאַרטמענטן 1,500 סטודענטן.

קולטור־שאַפונג אויף יידיש

די גרונט־פאַקטן וועגן דעם מצב פון דער קולטור־שאַפונג אויף דער יידישער שפּראַך זיינען, נעמען מיר אָן, גוט באַקאַנט דעם לייענער פון דער דאָזיקער אַרבעט. אויך, גלויבן מיר, איז ניט נויטיק דאָ אויפצוהויבן די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון יידיש און יידישער קולטור־שאַפונג אין אַמעריקע. כדי אָבער דאָס בילד, וואָס מיר שילדערן דאָ, זאָל ניט זיין איינזייטיק און כדי עס זאָל זיך ניט באַשאַפן אַ פאַלשע פּערספּעקטיווע, מוזן מיר איבערחזרן די עטלעכע קאַרדינאַלע פאַקטן, וואָס ווערן אָפטמאָל פאַרזען אין די — מיט אומרו אָנגעלאָדענע — דע־באַטעס וועגן עתיד פון דער יידישער קולטור דאָ אין לאַנד:

יידיש איז נאָך היינט־צו־טאָג און וועט נאָך זיכער פאַר־בלייבן אין משך פון אונזער דור די רעד־שפּראַך פון פיל הונ־דערטער טויזנטער אַמעריקאַנער יידן. יידיש ווערט אויך גוט פאַרשטאַנען און טיילווייז גערעדט דורך גאַר אַן אַנגעזעענעם טייל פון געוויינלעך ענגליש־רעדנדיקע יידן.

דער יידיש־רעדנדיקער עלעמענט און זיינע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — דאָס איז דער לעבעדיקסטער און דער נאַציאָנאַל אָם מערסטן אויפגע־וואַכטער טייל פון יידישן ישוב. **דער דאָזיקער סעקטאָר פאַרנעמט ניט דעם סאַמע אויבן־אָן בעת די געלט־זאַמלונגען (און אויך צווישן די געלט־זאַמלער און געלט־פאַרטיילער!), אָבער ער איז דערוויל נאָך די איינציקע סאָלידע, פאַרלאָזלעכע מאַסן־באַזע פאַר אַלע יידישע נאַ־ציאָנאַלע אָנשטרענגונגען דאָ אין לאַנד.**

די יידישע קולטור־שעפערישקייט קריגט איר העכסטן און פולקאָמסטן אויסדרוק אין די גייסטיקע שאַפונגען אין דער יידישער שפּראַך.

די ליטעראַרישע ווערק, וואָס ווערן געשאַפן אין אַנדערע שפּראַכן, קאָנען זיך נאָך דערוויל בשום אופן ניט גלייכן מיט די דיכטונגען, וואָס אַמעריקאַנער יידישע שרייבער ברענגען אַרויס אין דער יידישער שפּראַך. און קיינמאָל אפשר איז עס ניט אַזוי בולט דעמאָנסטרירט גע־וואָרן, ווי אין די לעצטע אויפטרייסלענדיקע צען יאָר — די יאָרן פון אונזער גרעסטן טרויער, אונזערע גרעסטע האָפענונגען און דערוואַר־גען.

דער יידיש־רעדנדיקער עלעמענט פאַרבלייבט נאָך אַלץ דער גרעס־טער אָפּנעמער, דער וויכטיקסטער קאָנסומענט פון יידישע קולטור־ווערטן. — **אַלנפאַלס, אַזוי איז די לאַגע אין די גרעסערע יידישע ישובים, באַזונדערס אין ניו־יאָרק. דער יידיש־רעדנדיקער סעקטאָר האָט אַן אַ פאַרגלייך מער עפנטלעכע יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, ווי דער ענגליש־רעדנדיקער.**

און נאָך ריכטיקער איז עס בנוגע די געשלאָסענע קולטור־אונטער־נעמונגען — די ממש אומציילבאַרע פאַרלעזונגען, אַרטיסטישע אויפטריטן, פאַרשטעלונגען אין די ברענטשעס פון פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, שולן, עלטערן־קלובן און אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אין די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן, וועגן וועלכע עס איז אינגאַנצן ניטאָ קיין סטאַטיס־טישער מאַטעריאַל.

יידיש — און נאָר יידיש — באַזיצט דעם מעכטיקסטן מיטל פון

יידישער נאַציאָנאַלער באַאײנפלוסונג, די טעגלעכע פּרעסע. עס איז ניט צו דערוואַרטן אין דער נאָענטסטער צייט (אויב מיר ווילן בכלל וועט ניט איז דערגרייכן אַזאַ מצב), אַז די ענגליש־רעדנדיקע יידישע קולטור־סביבה (אָדער די העברעאישע) זאָל קענען אויפבויען אינסטי־טוציעס מיט אַזאַ מאָס פון טאָג־טעגלעכער און טיף־גרייכנדיקער יידי־שער ווירקונג.

אוודאי איז דאָ וואָס צו קריטיקירן די יידישע פּרעסע, אָבער מען טאָר קיינמאָל ניט אונטערשאַצן איר ווירקונג, איר באַדייטונג אַלס איינציקער וועג פון האַלטן הונדערטער טויזנטער יידן סיסטע־מאַטיש פאַרבונדן מיטן יידישן לעבן אויף גאָר דער וועלט, אַלס מאַסן־טריבונע פאַר יידישע קינסטלער און דענקער, אַלס פּראָ־פּאַגאַנדע־אינסטרומענט פאַר דעם קאַמף פאַר אַ יידיש לעבן אויף גאָר דער וועלט.

דאָס פאַרשטייען שוין לעצטנס פיל טוער פון דעם ענגליש־רעדנ־דיקן יידישן סעקטאָר, און זיי טוען אַלץ, כדי דורך דער יידישער טאָג־פּרעסע צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן.*)

דאָסזעלבע, מיט געוויסע ענדערונגען, קאָן געזאָגט ווערן וועגן יידישן טעאַטער. ער פאַרבלייבט נאָך אַלץ און וועט נאָך אַ לאַנגע צייט פאַרבלייבן דער איינציקער מין טעאַטער פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב. אויך דאָ דאַרף די באַרעכטיקטע קריטיק איינהאַלטן אַ געהעריקע פּער־ספּעקטיוו.

און לסוף:

די מחנה יידישע קולטור־שעפער און קולטור־טוער איז ניט צו גרויס. און דער קרייז פון דער יידישער קולטור, פון לייענער פונם יידישן בוך, באַזוכער פון יידישן טעאַטער, בויער פון די יידישע שולן — אויך ער איז ניט צו גרויס. אָבער,

עתיד פון יידישן גייסטיקן לעבן — וואו איז נאָך אין אויב עס גייט וועגן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, וועגן אי־דעאַליזם, וועגן געטריישאַפט צום יידישן פאָלק און זיין קיום, וועגן אומאויפהערלעכער טיפסטער זאָרג פאַרן דער גאַנצער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט פאַראַן אַ צווייטע, אַן ענלעכע גרופּע?!

און דאָס דאַרף אויך אַוועקגעלייגט ווערן אויף דער וואָג־שאָל. דאָס וועט אויך זיין אַ באַשטימענדיקער פאַקטאָר אין דער גייסטיקער גע־שטאַלטונג פון יידישן לעבן דאָ אין לאַנד!

*) אַזאַ ביישפּיל ווייזט דער „אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט“.

די יידישע טרייד־יוניאַן־באַוועגונג

מיר זיינען איבערצייגט, אַז פאַר דעם לייענער פון דער דאָזיקער אַרבעט איז ניט נויטיק צו שילדערן די יידישע טרייד־יוניאַן־באַוועגונג, איר געשיכטלעכע אַנטוויקלונג און איר איצטיקן מצב. אויך איז דאָ ניט דער אָרט ברייטער צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, וואָס שטייען היינט פאַר די יידישע טרייד־יוניאָנס. מיר וועלן זיך דעריבער באַנוגענען בלויז מיט עטלעכע באַמערקונגען.

בכלל, דוכט זיך, שאַצט מען אין דער יידישער געזעלשאַפט (באַזונדערס אין דער ענגליש־רעדנדיקער) ניט ווי געהעריק הויך אָפּ די קאַרדינאַלע פונקציע פון דער יידישער טרייד־יוניאָן באַוועגונג ביים געשטאַלטן דאָס פּנים פון דעם יידישן ישוב דאָ אין לאַנד. מען פאַרגעסט, אַז דאָס איז געווען די יידישע אַרבעטערשאַפט מיט אירע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט דערהויבן די פאַרחושכטע, פיזיש און גייסטיק פאַרשקלאַפטע אימיגראַנטן־מאַסע. מען נעמט ניט אין דער געהעריקער מאָס אין באַטראַכט, אַז די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, דורך אירע פאַרבינדונגען און איר כסדר דיקער צוזאַמענאַרבעט מיט דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס, האָט פיל בייגעטראָגן אויפצוהויבן די סאָציאַלע פּאָזיציע פון יידישן קיבוץ אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, האָט דורך איר טעטיקייט דערוואָרבן רעספּעקט פאַר זיך און פאַר אַלע יידן. מען ווייס ווייניק וועגן דער ראָל פון די יידישע טרייד־יוניאָנס אַלס קולטור־טרעגער, אַלס דערציער פון הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער יידישע משפחות.

עס וואָלט אויך ניט געשאַדט, ווען דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וואָלט געוואוסט אַביסל מער וועגן דער ראָל פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג און פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט בכלל אין איצטיקן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע.

עס איז אוודאי אויך די שולד פון די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס וואָס זיי שטרייכן ניט אַלעמאָל אונטער זייער וויכטיקע ראָל אין די פאַרשיידענע יידישע הילף־טעטיקייטן, אין שטאַרקן מיט מאַטעריעלע כוחות די יידישע ישובים מעבר לים, אין בויען יידישע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף דאָ אין לאַנד.

די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און באַזונדערס די טרייד־יוניאָנס, קומט, לויט דעם ביטראַג, וואָס זיי מאַכן, אַ פיל גרעסערע, אָנגעזעענערע און מער מיטבאַ־שטימענדיקע פּאַרטרעטערשאַפט אין דער אָנפירונג פון „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל", די „פעדעראַציעס", „וועל־פעיר־פאָנדן" א. ד. גל.

און לסוף דאַרף די יידישע געזעלשאַפט אָפּשאַצן די קאָלאָסאַלע באַדייטונג, וואָס עס האָט געהאַט און האָט כסדר פאַרן יידישן פאָלק במשך פון די לעצטע 15 יאָר דער פּאָליטישער איינפלוס פון די יידישע טרייד־יוניאָנס — הן דורך זייער אייגענעם גאַנץ באַדייטנדיקן כח, הן דורך זייער פעאיקייט צו מאָביליזירן פאַר וויכטיקע יידישע פאָדערונגען די אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער אָרגאַניזירטער אַמע־ריקאַנער אַרבעטערשאַפט.

אין די דאָזיקע דריי קאַרדינאַלע טעטיקייטן — קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם, הילף פאַר יידישע ישובים מעבר לים און פּאָליטישע טע־טיקייטן אין יידיש־נאַציאָנאַלע פראַגן—איז, ווי באַוואוסט, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט דער אַלגעמיין־אַנערקענטער פאָרשטייער פון די יידישע טרייד־יוניאָנס.

* * *

די פראַגע „יידישע טרייד־יוניאָנס און דאָס יידישע לעבן אין אַמע־ריקע" איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע. ערשטנס, וואָס מיינט עס „יידישע טרייד־יוניאָנס"? — די צאָל טרייד־יוניאָנס, וועמענס מיטגלידער־שאַפט איז אויסשליסלעך יידיש, איז זייער קליין. אייגנטלעך זיינען נאָר יוניאָנס פון באַשעפטיקטע אַרום יידישן קולטורעלן אָדער רע־ליגיעזן לעבן אַזעלכע „יידישע טרייד־יוניאָנס" (יוניאָנס פון לערער, שרייבער, אַרטיסטן, שוחטים, געוויסע גרופּן פלייש־אַרבעטער, אָנ־געשטעלטע פון יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס וכדומה). אין אַלע, אָדער כמעט אַלע אַנדערע יוניאָנס איז די מיטגלידערשאַפט אַ געמישטע און מערסטנטיילס ווערט דאָרטן דער פּראָצענט יידישע אַרבעטער אַלץ קלענער און קלענער.

דאָס באַציט זיך אין דער ערשטער ריי צו די דריי גרויסע יוניאָנס פון דער באַקלייד־אינדוסטריע („אינטערנעשאָנעל", „אַמאַלגאַמייטעד" און „העט און קעפּ־מייקערס"), וואָס זיי זיינען אייגנטלעך אַלעמאָל געוווען באַקאַנט אַלס די „יידישע יוניאָנס". עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס קיין גרינטלעכע סטאַטיסטיק וועגן דעם דאָזיקן ענין איז נאָך ביז איצט ניט דורכגעפירט געוואָרן; אָבער אַלע, וואָס קענען די

דאָזיקע אינדוסטריעס, זיינען מסכים, אַז יידישע אַרבעטער בילדן שוין דאָרטן אַ מיעוט — און זייער צאָל פאַלט גאַנץ ראַשיק.

אמת, עס זיינען אויך פאַראַן געוויסע — איזאָלירטע — קעגנזעצ־לעכע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן. אַזוי, למשל, האַלטן יידישע אַרבעטער איין אַ זייער שטאַרק דאָמינירנדיקע פּאָזיציע אין דעם צושניידער־צווייג („קאַטערס״) פון דער דאַמען־באַקלייד־אינדוסטריע. דאָס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל פיל הונדערטער יונגע אַמעריקאַנער יידן האָבן געזוכט און דאָרטן געפונען באַשעפטיקונג. אין אַ קלענערער מאָס איז דאָס ריכטיק אויך בנוגע דאַמען־מאַנטל־פּרעסערס (צו אַנדערע צווייגן פון שניידעריי האָט די יידישע יוגנט אַ פעסט איינגעבירגערטן אומחן). אָבער אין אַלגעמיין פאַרוואַנדלט דער גרויסער צופלוס פון ניט־יידישע אַרבעטער די פריערדיקע יידישע מערהייטן אין מינדערהייטן.

דאָס מוז זיך אָפּשפּיגלען אין דער טעטיקייט פון די יוניאָנס. זיי קאָנען מער ניט אין אַזאַ מאָס ווי פריער זיין אַריינגעטאָן אין יידישע ענינים. זייער אייגנטלעכע אַרענע איז איצט די אַלגעמיין־אַמעריקאַ־נער גאַס.

מיר באַרירן דאָ בלויז די פראַגע. זי שטייט פאַר די יוניאָנס. זי שטייט פאַר די גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער, וואָס געהערן צו די יוניאָנס. עס מוז באַצייטנס געפונען ווערן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, וואָס זאָל אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן האַלטן די דאָזיקע מחנה צונויפגעבונדן מיטן יידישן לעבן, וואָס זאָל פאַרזיכערן איר כסדרדיקן אַקטיוון אָנטייל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און נאַציאָ־נאַלן לעבן.

* * *

גרויסע צאָלן יידן זיינען באַשעפטיקט אין אַנדערע צווייגן פון אַמעריקאַנער לעבן, זיינען אָנגעשלאָסן אָן אַנדערע יוניאָנס. זיי זיינען דאָרטן, פאַרשטייט זיך, מינדערהייטן. אָבער זייער צאָל איז גענוג באַדייטנד, אַז עס זאָל זיך אַוועקשטעלן די פראַגע, צי קאָן מען די דאָזיקע שיכטן ניט צוציען צום יידישן לעבן, ניט צונויפבינדן ענגער מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אויך דאָ זיינען ניט פאַראַן קיין געגנויע ציפערן. ווי ביישפּילן, וועלן מיר אויסרעכענען עטלעכע געביטן, וואו עס איז זיכער פאַראַן אַ זייער באַדייטנדיקע צאָל יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע:

די פאַרוויילונגס־אינדוסטריע

טעאַטער, מוזיק, ראַדיאָ, מואווי־פּראָדוקציע און דיסטריבוציע — און לעצטנס אויך — טעלעוויזיע; אויך די פּראָדוקציע און דאָס פאַר־ריכטן פון ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן וכדומה;

די באַשפּייז־אינדוסטריע

בעקער, פליישער, רעסטאָראַן־אָנגעשטעלטע;

פעדעראַלע, שטאַטישע, מוניציפּאַלע
באַאַמטע און אַרבעטער;
בילדונג־וועזן

אין ניו־יאָרק אַליין זיינען פאַראַן אַן ערך צען טויזנט יידן־לערער אין די עפנטלעכע שולן;

אָפיס־אָנגעשטעלטע;
האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

גרעסערע קאָנצענטראַציעס פון יידישע אַרבעטער קאָן מען אויך געפינען אין געוויסע שטעט אין אַ ריי אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן (טעקסטיל־, אויטאָ־, שיך־אַרבעטער).

אַפילו צווישן די פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס בילדן אַזאַ וויכטיקן פּראָ־צענט פון דעם יינגערן יידישן עולם, געפינען זיך זייער פיל, וואָס געהערן אייגנטלעך מער ניט צו דעם שיכט פון „זעלבסטשטענדיקע אונטערנעמער", נאָר וואָס זיינען פאַקטיש לוין־נעמער. דאָס באַציט זיך צו לאָיערס (באַשעפטיקטע ביי דער מלוכה, אָדער אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען), אַרכיטעקטן, אינזשינירן, און אַפילו אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס — דאָקטוירים.

געפינען אַ פאַרבינדונג מיט אָט די גרויסע שיכטן אַרבעטנדיקע יידן (זיי זיינען שוין איצט אָדער וועלן בקרוב ווערן די מערהייט פון די יידישע אַרבעטער) איז געוואָרן אַ צענטראַלע אויפגאַבע פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז אויך אַן אומגעהויער וויכטיקע פראַגע פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. די דאָזיקע שיכטן זיינען מער ווי וועלכער עס איז אַנדערער שיכט אין יידישן פאָלק (אויסער אפשר דעם סאַמע אויבערשטן גבירים־שיכט) אין כסדרדיקן טאָג־טעגלעכן קאָנ־טאַקט מיט די ניט־יידישע מיטאַרבעטער. זיי זיינען אפשר אין דער סאַמע גרעסטער מאָס אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון פולשטענדי־קער אַסימילאַציע — באַזונדערס ווען זייער אייגענער נאַציאָנאַלער

באַגאַזש איז גאָרניט קיין צו שווערער. זיי האָבן פּאַקטיש ניט קיין שום אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאַרבינדונג מיטן יידישן לעבן און קאָנען דעריבער אַם לייכטסטן פֿאַרלוירן גיין.

עס איז דעריבער אין די לעבנס־אינטערעסן ניט נאָר פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר פון גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום, אַז עס זאָל געפונען ווערן אַן אידייאישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע בריק צווישן אָט דעם וויכטיקן „ראַנד־שיכט” מיט דעם נאַציאָנאַל מער באַ־וואוסטזיניקן און אָרגאַניזאַציאָנעל ענגער צונויפגעבונדענעם, מער קערנדיקן טייל פון יידישן ישוב.

נאַציאָנאַלער בודזשעט

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, דערמאָנט די גרויסע ביודזשעטן פון יידישע אינסטיטוציעס און זייערע איצטיקע עקספּאַנסיע־פּלענער, וואָס פאַרלאַנגען און וועלן אין דער צוקונפט פאַרלאַנגען נאָך גרעסערע ביודזשעטן. עס איז קלאָר, אַז כדי דער אַמעריקאַנער ישוב זאָל קאָנען אויף אַ געהעריקן אופן באַדינען זיינע לאָקאַלע הצטרכותן און דערפילן זיינע פליכטן לגבי אַנדערע יידישע ישובים, מוז ער דערויף האָבן גרויסע פאָנדן און ער מוז האָבן אַ גוט פונקציאָנירנדיקן אַפּאַראַט, וואָס זאָל די דאָזיקע פאָנדן צונויפזאַמלען און דאַן ווי געהעריק פאַרטיילן.

אויף אָט דעם געביט האָט דאָס אַמעריקאַנער יידנטום פיל דערגרייכט.

קודם־כל — די הילף מעבר לים,—פאַר אַנדערע יידישע ישובים. די יידישע וועלט איז אין די לעצטע יאָרן שוין צוגעוואוינט געוואָרן, אַז דער „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" פּלאַנירט זיינע יערלעכע ביודזשעטן אויף הונדערטער מיליאָנען. מען האָט שוין פאַרגעסן, אַז נאָך מיט גאָר אַ קורצער צייט צוריק איז די לאַגע געווען לחלוטין אַן אַנדערע.

צענטראַליזירטע יידישע הילף־טעטיקייט מעבר לים איז קוים אַלט 35 יאָר. דער ערשטער קאַמפּיין פאַר די מלחמה־געליטענע יידן פון אייראָפּע איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1915 און האָט אַריינגעבראַכט פאַר די דעמאָלסטיקע באַדינגונגען די גרויסע סומע פון — 1.9 מיליאָן דאָלער. אין די ווייטערדיקע יאָרן האָבן יידן געגעבן מער געלט. אין די יאָרן 1919 און 1920 האָט דער „דזשאָינט" געזאַמלט איבער 11 מיליאָן דאָלער. אָבער גלייך נאָך דעם האָבן די סומען גענומען פאַלן און אין די יאָרן 1931, 1932 זיינען זיי אַראָפּגעפאַלן צו ווייניקער ווי אַ מיליאָן. אין 1935, ווען היטלער האָט שוין געמאָרדעט די יידן פון דייטשלאַנד — האָט דער גאַנצער ביודזשעט פון „דזשאָינט" באַטראָפן — 983 טויזנט דאָלער! אַפילו אין 1940, ווען די יידן פון פוילן זיינען שוין געווען אין די הענט פון די נאַצישע הענקערס, האָט דער „דזשאָינט" דיספּאָנירט איבער קוים 6.3 מיליאָן דאָלער.

אין ענלעכע ראַמען האָט אין יענער צייט געאַרבעט דער „יונאַיטעד פּאַלעסטיין אַפּיל״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין 1925.

אָט די ציפערן מאַכן דעם שפּרונג צום 1948 ביודזשעט פון „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל״, וואו אַן ערך 150 מיליאָן זיינען צו־נויפגעזאַמלט געוואָרן נאָך מער אימפּאָזאַנט.

אין דערזעלבער צייט, וואָס דער „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל״ האָט דורכגעמאַכט זיין גיגאַנטישן וואוקס, זיינען ניט געשניטן גע־וואָרן די ביודזשעטן פון די לאָקאַלע אינסטיטוציעס. פאַרקערט, זיי זיינען אומעטום באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן (די „קאָמיוניטי־צענטערס״ האָבן זינט 1945 פאַרגרעסערט זייערע ביודזשעטן אויף פופציק פּראָ־צענט). דאָסזעלבע באַציט זיך צום גרעסטן טייל אַנדערע היגע אַנ־שטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס. די פּרייוויליקע באַשרענקונג באַשטייט דער עיקר אין דעם, וואָס די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן ניט געקאָנט אויסשפּרייטן זייער טעטיקייט, ווי זיי האָבן עס געוואָלט, ווי די באַדער־פענישן האָבן פאַרלאַנגט, ווי דער אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער באַוואוסט־זיין פון ישוב האָט דיקטירט.*) אָבער אויך מיט דער דאָזיקער באַ־גרענעצונג איז דער וואוקס אַ באַדייטנדיקער, ווי עס באַווייזט דער פאַקט, אַז אין די ערשטע דריי יאָר נאָך דער מלחמה האָבן זיך די אַזוי גערופענע „קאַפּיטאַלע פאָנדן״ פון די לאָקאַלע אינסטיטוציעס פאַר־גרעסערט אויף זעכציק מיליאָן דאָלער. און אין 1949 האָבן די דאָזיקע אינסטיטוציעס פּראָקלאַמירט זייער נייעם עקספּאַנסיע־פּראָגראַם אויף נאָך פינף און זיבעציק מיליאָן דאָלער!

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון אַמעריקע, פון די סאַמע אַסי־מילירטע ראַנד־שיכטן ביז דער פאָלקס־מאַסע, האָט זיך אויסגעלערנט צו באַטראַכטן די באַשטייערונג פאַר יידיש־נאַציאָנאַלע צוועקן ווי אַ פּרייוויליק אָנגענומענע, אָבער דאָך שטרענג־אָפּגעהיטע פאַרפליכטונג. עס איז אויף דעם דאָזיקן געביט דערגרייכט געוואָרן אַ שטופע פון אינערלעכער דיסציפּלין, וואָס עקזיסטירט ניט אויף קיין שום אַנדער געביט פון יידישן לעבן.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר דערגרייכט די מערקווירדיקע סיטואַ־

---

*) דאָס איז אַן אַלגעמיינע פעסטשטעלונג. צוליב געוויסע סיבות האָבן טייל אָרגאַניזאַציעס ניט אין דערזעלבער מאָס געגאָסן פון דאָזיקן וואוקס און אַנדערע האָבן אפילו געמוזט פאַרקלענערן זייערע ביודזשעטן. דאָס באַציט זיך, צוו. אנד., צו אַ ריי יידישע קולטור־אינסטיטוציעס.

ציע, אַז אין יאָר 1947, דעם לעצטן יאָר, וועגן וועלכן מיר האָבן געגויע סטאַטיסטיקעס, האָט יעדער פערטער ייד אין לאַנד — מאַן, פרוי, קינד, זקן, אינוואַליד — געמאַכט זיין ביישטייערונג צו נאַציאָנאַלע יידישע זאַמלונגען. דאָס מיינט, אויב מען רעכנט די גרויס פון אַ יידישער משפחה אין אַמעריקע אויף 3.3 פערזאָן, אַז דורכשניטלעך האָבן אַ מיליאָן מיט אַ פערטל פון אַלע אָנדערהאַלבן מיליאָן יידישע משפחות אין אַמעריקע זיך באַשטייערט, ד. ה. פינף זעקסטל פון אַלע יידישע משפחות!

קאָונסיל פון יידישע פעדעראַציעס און וועלפעיר־פאָנדן

הגם די דאָזיקע פאַראייניקונג פון לאָקאַלע יידישע פעדעראַציעס און וועלפעיר־פאָנדן עקזיסטירט שוין זינט 1925, האָט זי ערשט אין לעצטן צענדליק יאָר אָנגעהויבן געווינען חשיבות. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט קודם־כל אין אָרגאַניזאַציאָנעלן וואוקס. עס זיינען אין „קאָונסיל" איצט אָנגעשלאָסן 265 אָגענטורן אין 233 שטעט. גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַן אויסברייטערונג פון דער טעטיקייט און אַ נאָך שטאַרקערע אויסברייטערונג פון די איינפלוס־אַספּיראַציעס פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע.

פאָרמעל איז דער „קאָונסיל" נאָר אַ באַראַטונגס־קערפּערשאַפט. לאָקאַלע פעדעראַציעס ווענדן זיך צו אים מיט אָנפראַגעס. דער „קאָונסיל" באַדינט זיי מיט פּראַקטישע אָנווייזונגען. ער אָרגאַניזירט אויספאָרשונגען וועגן פּלאַנירונג פון ביודזשעטן, וועגן מעטאָדן פון סאָציאַלער הילף וכדומה. פאַקטיש איז ער אָבער פיל מער. ער ווערט אַלץ מער און מער דער רעפּרעזענטאַנט און וואָרטזאָגער פון די וועלפעיר־פאָנדן און די קרייזן, וואָס זיינען אין זיי אַקטיוו פאַרטראָטן.

דאָס קומט צום אויסדרוק אין די ספּעציעלע קאָמיסיעס פאַר קאָנטראָל און פּלאַנירונג, וואָס זיינען טעטיק ביים „קאָונסיל". דורך אָט די קאָמיסיעס קאָנטראָלירט דער „קאָונסיל" די טעטיקייט פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווענדן זיך צו די וועלפעיר־פאָנדן נאָך סובסידיעס. ער שיקט שפּעטער פאַנאַנדער די רעזולטאַטן פון זיינע קאָנטראָל־אויספאָרשונגען. פאַקטיש ווערט דער „קאָונסיל" דורך דעם אַ מעכטיקע „רעוויזיע־קאָמיסיע" פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב, — ווייל די רעזולטאַטן פון זיינע אויספאָרשונגען דינען ווי רעקאָמענדאַציעס פאַר די געמיינדעס.

דער „קאָונסיל" פירט אַ קאַמף, אין נאָמען פון די וועלפעיר־פאָנדס, פאַר אַ דעצידירנדיקן קאָנטראָל איבער די גרויסע נאַציאָנאַלע הילף־פאָנדן. דער דאָזיקער קאַמף האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגערופן אַ זייער ערנסטן קריזיס אין „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל"

און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען, ווען העברעי־מאָנטאָר און העברי מאָרגענטוי האָבן אונטערשטיצט — קעגן דעם ווידערשטאַנד פון ראַבאַי הלל סילווער — די פאָדערונג פון די וועלפעיר־פאָנדס צו האָבן אַ ווירקזאַמע פאַרטרעטערשאַפט אין „יונאַיטעד פּאַלעסטאַין אַפּיל". ניט געקוקט אויף דעם דעמאָלטדיקן דעציזידירנדיקן איינפלוס פון ראַבאַי הלל סילווער אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך דער קאָנפליקט פאַרענדיקט מיט אַ זיג פון „קאָונסיל". דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען דער „קאָונסיל" האָט דעמאָנסטרירט פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז די וועלפעיר־פאָנדס האָבן בדעה צו שפּילן אַן אָנפירנדיקע ראָל אין יידישן לעבן.

אַ ווייטערדיקער שריט אין דערזעלבער ריכטונג זיינען די באַמיאונגען פאַר איין איינציקן, אַלץ אַרומנעמענדיקן קאַמפּיין, וואָס דאָס מיינט, נאַטירלעך, אַ צוואַנג־ליקווידאַציע פון אַ ריי קלענערע אומאָפּהענגיקע קאַמפּיינען. דער געדאַנק פון אַ ראַדיקאַלער איבער־אָרגאַניזירונג (קאָנסאָלידאַציע) פון די יידישע זאַמל־אַקציעס, פאַרבונדן מיט אַ ליקווידאַציע פון „דאָפּלטע אָנשטרענגונגען" (ד. ה. פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס טוען ענלעכע אַרבעטן) איז זייער פּאָפּולער אין די קרייזן פון די וועלפעיר־פאָנד־טוער, וואו „עקאָנאָמיע" און „עפישענסי" זיינען די וויכטיקסטע לאָזונגען. עס פאַרטיידיקט אים אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון די „גרויסע צען" — אַ פאַראייניקונג פון צען פון די וויכטיקסטע וועלפעיר־ פאָנדס אין לאַנד (באַלטימאָר, באָסטאָן, דעטראָיט, שיקאַגאָ, ניו יאָרק, סאַן־פראַנציסקאָ, סעינט־לואיס, פּיטסבורג, פילאַדעלפיע, קליוולאַנד). דער דאָזיקער פּלאַן האָט לעצטנס געדאַרפט פאָרגעשטעלט ווערן פאַר דער יערלעכער קאָנפערענץ פון „קאָונסיל". אַן ענערגישער אָפּאָזיציע מצד דעם ציוניסטישן לאַגער איז געלונגען „אָפּצושרייען די גזירה". עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז די פראַגע איז ניט אַראָפּגענומען געוואָרן פון טאָג־אָרדענונג און אַז די יידישע געזעלשאַפט וועט זיך מיט דער פראַגע פון די מאַכט־אַספּיראַציעס פון „קאָונסיל" מוזן שטאַרק פאַרנעמען אין די קומענדיקע יאָרן.

אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ־לעבן

דאָס פּראָבלעם פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן קהילה־לעבן אין אַמעריקע שטייט שוין אויפן סדר־היום אַרום הונדערט יאָר. מיט אַ סך יאָרן צוריק איז געווען נאַטירלעך, אַז דאָס יידיש לעבן זאָל געבויט ווערן אַרום דער סינאַגאָגע און דעם רב, מיט רעליגיע אַלס דעם צענטראַלן פּונקט. די לאַגע האָט זיך געענדערט, ווען רעליגיע האָט פאַרלוירן איר קאָנטראָל איבערן יידישן לעבן, ווען די רעפאָרם־באַוועגונג האָט מיט די אייגענע הענט רעדוצירט די ראָל פון רעליגיע אין איר טאָג־טעגלעכן לעבן, ווען עס איז אויפגעקומען די שפּאַל־טונג אויף דריי רעליגיעזע שיטות און ווען עס איז אָנגעקומען אַ גרויסע מאַסע פּראָגרעסיווע, אין תוך פריידענקערישע, יידן. אַמאָליקע יאָרן איז געווען נאַטירלעך, אַז דער רייכער אַסימילירטער רעפאָרם־ייד זאָל רעדן אין נאָמען פון אַלע „איזראַעליטן". ערשט אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געלונגען צו ברעכן דעם דאָזיקן מאָנאָפּאָל. זינט דאַן האָט דער ענין פון אַן אַלגעמיינער יידישער רעפּ־רעזענטאַנץ דורכגעמאַכט עטלעכע גלגולים. עס גייט אָן דורך פאַר־שיידענע וועגן און אומוועגן דער בהדרגהדיקער אויפבוי פון דער יידישער קהילה.

דער פּראָצעס פון לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ צוקונפטיקער יידישער קהילה־אָרגאַניזאַציע קומט גלייכצייטיק פאָר אין לאָקאַלן און צענטראַלן מאַסשטאַב.

לאָקאַלע אָנשטרענגונגען

יידן זיינען פאַראַן אין אַן ערך 5,000 אַמעריקאַנער שטעט און שטעטלעך. אין, אומגעפער, 1200 זיינען פאַראַן פערמאַנענטע יידישע אינסטיטוציעס. אין 300 שטעט האָבן די יידישע קיבוצים שטענדיקע צענטראַלע אַגענטורן — אויף צו קאָאָרדינירן לאָקאַלע טעטיקייטן,

אויף דורכצופירן דעם יערלעכן קאַמפּיין פאַר דעם „יונאַיטעד דזשו־איש אַפּיל", אָדער רעפּרעזענטירן כלפי חוץ.

דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב איז אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק גינסטיקער לאַגע צוליב דעם, וואָס ער איז, אין זיין רוב, קאָנצענטרירט אין אַ קליינער צאָל גרעסערע קיבוצים. אין 13 שטעט מיט אַ יידישער באַפעלקערונג איבער 40 טויזנט *) וואוינען מער ווי דריי פערטל פון אַלע אַמעריקאַנער יידן. אין 38 שטעט איז קאָנצענטרירט 90% פון גאַנצן יידישן ישוב. פאַר דער קהילה־אַנטוויקלונג איז דעריבער אנטשיידנדיק וואָס עס קומט פאָר אין די דאָזיקע פאָר צענדליק שטעט.

מיר האָבן פריער געזען, ווי די באַזונדערע צאָלרייכע פינאַנץ־אַקציעס פון די עקזיסטירנדיקע לאָקאַלע אַנשטאַלטן — יתומים־הייזער, שפיטאָלן, מושבי־זקנים, פאַמיליע־אַגענטורן א. אַ. — זיינען ביס־לעכוויז ליקווידירט געוואָרן און קאָאָרדינירט געוואָרן אין איין בשותפותדיקער אינסטיטוציע — דער „פעדעריישאָן". גלייכצייטיק האָט דער „יונייטעד דזשואיש אַפיל" אויפגעבויט אומעטום צענטראַלע, רעפּרעזענטאַטיווע קאָמיטעטן, מיט פאָרשטייער פון פאַרשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאַפט — דורכצופירן דעם פאַראייניקטן קאַמפּיין פאַר מעבר־לים־הילף.

ווען די דאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן האָבן אָנגעהויבן קאָאָרדי־נירן זייער טעטיקייט — איז געשאַפן געוואָרן די העכערע שטופע פון לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע: דער „יידישער וועלפער פאָנד", וואָס נעמט אַריין בײדע פונקציעס.

אין די לעצטע יאָרן איז אויפגעקומען אַ נייע פאָרם פון יידישער אָרגאַניזאַציע,

די יידישע „קאָמיוניטי־קאָונסילס".

דער אַמעריקאַנער יידישער יאָרבוך פאַר 1950 רעכנט אויס 84 שטעט, וואו עס עקזיסטירן „קאָמיוניטי־קאונסילס". ניט אומעטום מיינט „קאָמיוניטי קאונסיל" איינס און דאָסזעלבע. אין פיל ערטער איז עס נאָר אַן אנדער נאָמען פאַר דער „פעדעריישאָן" אָדער פאַרן „וועל־פעיר פאָנד". אין אַנדערע ערטער איז עס נאָר אַ באַראַטונגס־קער־פערשאַפט, אָן שום איינפלוס אויפן „וועלפעיר־פאָנד" און במילא אויפן אָרטיקן יידישן לעבן.

פאַראַן שוין אָבער שטעט, וואו דער „קאָמיוניטי קאונסיל" הויבט

---

*) ניו יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, לאָס אַנדזשעלעס, באָסטאָן, דעטראָיט, קליוולאַנד, באַלטימאָר, פּיטסבורג, נוואַרק, סאַן־פראַנציסקאָ, סעינט לואיס, מיאַמי.

אָן ווערן הן די רעפּרעזענטאַטיווע, הן די באַשטימענדיקע קערפּער־שאַפט פון די אָרטיקע יידן.

דער אופן פון צוזאַמענשטעל פון „קאונסיל״ איז פאַרשיידן אין די באַזונדערע שטעט. אין גרעסטן טייל באַשטייט ער פון פאָרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן, וואָס עקזיסטירן אין דער געגעבענער שטאָט, און פון אַ צאָל יחידים. ניט אַלעמאָל זיינען אַלע אָרגאַניזאַציעס פאַרטראָטן (און ניט אַלע גלייך), און די יחידים רעפּרעזענטירן גרעסטנטיילס נאָר — זיך. במילא איז דער „קאמיוניטי קאונסיל״ ווייט פון זיין אַ דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפט.*)

דער „קאָמיוניטי קאונסיל״ איז אונטער די אומשטענדן די אָם מערסטן רעפּרעזענטאַטיווע פאָרם פון יידישער קהילה־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז ביז איצט אויפגעקומען. עס איז דערווייל די איינציקע קהילה־קערפּערשאַפט, וואו די פאָרשטייער פון יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס קאָנען זיין פאַרטראָטן און שפּילן אַ ראָל. עס איז אין אַ גרויסער מאָס פון זיי גופא אָפּהענגיק, ווי גרויס עס איז זייער ראָל דאָרטן. און אוודאי איז עס דער עיקר פון זיי אָפּהענגיק, צי דורך דעם „קאָמיוניטי־קאונסיל״ וועט געבראָכן ווערן די העגעמאָניע פון דעם קליינעם שיכט גבירים און עס וועט געעפנט ווערן אַ וועג פאַר דער דעמאָקראַטיזאַציע פון יידישן לעבן.

דאָס זיינען ניט בלויזע סברות. באַווייזן דערויף זיינען די שטעט, וואו פאָרשטייער פון אַרבעטער־רינג, פון אַרבעטער־קאָמיטעט זיינען אַקטיוו באַטייליקט אין די „קאָמיוניטי־קאונסילס״. זיי שפּילן דאָרטן אַן אָנגעזעענע ראָל.

אַ צווייטער וויכטיקער פּראָצעס אין לאָקאַלן מאַסשטאַב איז די פאַרשפּרייטונג פון די „יידישע בילדונג־קאָמיטעטן״, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. די דאָזיקע קאָאָרדיניר־קערפּער־שאַפטן פון אַלע חינוך־אַנשטאַלטן אין דער געגעבענער שטאָט העלפן שטאַרק אויפצוהויבן דעם ענין פון יידישער דערציאונג, אַוועקצושטעלן אים אויבן־אָן צווישן די דרינגענדיקע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. זיי זיינען אויך שטאַרק בייהילפיק ביים פירן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן

---

*) אין דעם פּרט איז די קליינע קהילה אין העריסבורג, פּענסילווייניע, אַ פּאָזיטיווער אויסנאַם: דאָרטן ווערט דער קהילה־ראַט שוין זינט עטלעכע יאָר געוויילט דורך אַלגעמיינע, דעמאָקראַטישע וואַלן. אַן אַנטוויקלונג אין דערזעל־בער ריכטונג איז פאַרצייכנט געוואָרן אין האַרטפאָרד, דייטאָן, קענזעס סיטי, אָוקלענד, אינדיאַנאַפּאָליס.

די עלטערן, אַז זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין יידישע שולן. אין פיל ערטער אָרגאַניזירן זיי געמיינזאַמע אונטערנעמונגען פון אַלע לאָקאַלע שולן און תלמוד־תורהס. זיי שפּילן אַ גרויסע ראָל ביים אויסקעמפן, אַז די וועלפעיר־פאָנדס זאָלן איבערנעמען פינאַנציעלע התחיבותן פאַר דער יידישער דערציאונג.

די טעטיקייט פון די בילדונגס־קאָמיטעטן ווערט געפירט, גרעסטנ־טיילס אין גייסט פון טאָלעראַנץ.

לסוף אַ פּאָר ווערטער וועגן די רעגיאָנאַלע קאונסילס. זיי זיינען באַזונדערס פאַרשפּרייט אין צענטראַלן און מערב־טייל פון לאַנד, וואו יידן בילדן אָפט קיבוצים, וואָס זיינען צו קליין אויף צו קאָנען אָנ־פירן אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט. אין אַזעלכע פאַלן ווערן געשאַפן רעגיאָנאַלע ראַטן, וואו דער גרעסטער ישוב פון דער געגנט נעמט געוויינטלעך איבער די אַדמיניסטראַציע פון די געמיינזאַמע טעטיקייטן.

אויך אין מזרח־טייל פון לאַנד זיינען פאַראַן עטלעכע אַזעלכע רעגיאָנאַלע „קאמיוניטי קאונסילס", ווי, למשל, דער רעגיאָנאַלער קאָונסיל פאַר מעין־שטאַט, פאַר ניו־העמפשיר־שטאַט (מיטן זיץ־אָרט אין מאַנטשעסטער), פאַר ווערמאָנט־שטאַט. אַ באַזונדערס אינ־טערעסאַנטער עקספּערימענט איז דער „קאָמיוניטי קאונסיל" פון עסעקס קאונטי, ניו דזשוירזי, וואָס נעמט אַרום 16 יידישע ישובים און וואָס פאַרבינדט די יידן פון די דאָזיקע שטעטלעך מיטן מעוּ־אינטענסיוון יידישן לעבן אין דער צענטראַלער שטאַט, נואַרק. דער „באָארד" פון „קאָמיוניטי קאונסיל", פון 70 פּערזאָן, ווערט געוויילט פון אַן „אַסעמבלי" פון 550 פּערזאָן: אַ העלפט רעפּרעזענטירט אָרגאַ־ניזאַציעס און אינסטיטוציעס; די אַנדערע ווערן געוויילט דירעקט דורך דער באַפעלקערונג. אין דער פאַרוואַלטונג זיינען בלויז אַן ערך 15 פאַרשטייער פון דער גרופּע „גרויסע ביישטייערער", ד. ה. די גבירים.

אין לאַנד־מאַסשטאַב

אין איצטיקן מאָמענט איז ניט פאַראַן קיין באַוועגונג פאַר עטאַב־לירן אַ צענטראַלע „הויפּט־פאַרוואלטונג" פאַר אַלע נאַציאָנאַלע באַדער־פענישן פון אַמעריקאַנער יידנטום. אנשטאָט דעם גייט איצט די אַנ־שטרענגונג אין דער ריכטונג פון עטאַבלירן צענטראַלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן קאָאָרדינירן און אָנפירן מיט געוויסע, באַזונדערע געביטן פון יידישן לעבן, און זאָלן זיין די אנערקענטע רעפּרעזענטאַנטן (פאַרן

יידישן ישוב און פאַר דער אויסערלעכער וועלט) פון די אַלע כחות, וואָס זיינען טעטיק אויפן געגעבענעם געביט.

די וויכטיקסטע זיינען:

1) דער „נעשאָנעל קאָמיוניטי רעליישאָנס אַדוויזאָרי קאָונסיל" (געשאַפן אין 1942), וואָס קאָאָרדינירט די טעטיקייטן פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם, ראַסן־האַס, דיסקרימינאַציע. דער „קאָונסיל" באַהאַנדלט פראַגן וועגן געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס קאָנען אָנרירן יידן, ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, און ער טרעט דאָן אַרויס, פאַרנעמענדיק אַ שטעלונג אין נאָמען פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט.

2) דער „נעשאָנעל דזשואיש וועלפעיר באָארד", וואָס פירט אָן מיט דער גאַנצער באַוועגונג פון „קאָמיוניטי צענטערס" און וואָס הויבט אָן שפּילן, ווי מיר האָבן פריער געזען, די ראָל פון אַ מין קולטור־צענטראַלע פאַר באַדייטנדיקע שיכטן פון ישוב. אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז טעטיק די „נאַציאָנאַלע יידישע יוגנט־קאָנפערענץ", וואָס ווערט אַלץ מער די אנערקענטע רעפּרעזענטאַנץ פון דער יידישער יוגנט.

3) דער „סינאַגאָג־קאָונסיל אָוו אַמעריקאַ" — אַ קאָאָרדיניר־קערפּערשאַפט פון די דריי יידישע רעליגיעזע שיטות.

4) „יונאַיטעד סורוויס פאָר ניו אַמעריקענס" — די צענטראַלע אינסטיטוציע פאַר איינאָרדענען ניי־געקומענע, מיט אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד.

5) דער פריער דערמאָנטער „קאָונסיל פון יידישע פעדעראַציעס פון וועלפעיר־פאָנדן" — אַ פאַראיינהייטלעכונג אין לאַנד־מאַסשטאַב פון די יידישע אָנשטרענגונגען אויף דעם וויכטיקן געביט פון געלט־זאַמלונגען.

6) דער „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל", וואָס איז די אנערקענטע קערפּערשאַפט פאַר הילף מעבר לים.

זינט דער צייט פון „דזשענעראַל דזשואיש קאָונסיל", וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1938, האָט זיך עטאַבלירט די איינשטעלונג, אַז אין גרויסע פראַגן, וואָס רירן אָן דעם גאַנצן יידישן ישוב, איז דעצידירנדיק די שטעלונג פון פיר גרויסע צענטראַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע לאַגערן. אַ שטעלונג, וואָס ווערט אַקצעפּטירט דורך די דאָזיקע פיר לאַגערן און זייערע אָרגאַניזאַציעס, איז דע־פאַקטאָ

די שטעלונג פון גאַנצן ישוב (לכל הפחות — זיין גרויסע, איבערוויגנ־דיקע מערהייט) און קאָן אַלס אַזעלכע רעפּרעזענטירט ווערן פאַר דער אויסערלעכער וועלט.*)

די דאָזיקע פיר לאַגערן זיינען:

1) דער לאַגער פון „אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט".

2) די ציוניסטישע באַוועגונג.

3) „בני ברית".

4) דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, ווי דער רעפּרעזענטאַנט פונם גאַנצן אַרבעטער־סעקטאָר.

*) מחוץ אַט אַזאַ פאַראייניקונג בלייבן בלויז די יידישע קאָמוניסטן און דער עקסטרעם אַסימילאַטאָרישער „אַמעריקען קאונסיל אָוו דזשודאַאיזם".

סך־הכלען

דער איבערבליק פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, וועלכן מיר האָבן געמאַכט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז ווייט ניט קיין פולער. מיר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ ריי וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און זייערע אַרבעטסגעביטן (צ. ב. די „יוסנא", „האיאַס", „אָרט", די „יידישע אַגריקולטור־געזעלשאַפט", די „יידישע וועטעראַנען־אָרגאַניזאַציע", די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס צום קאַמף מיט אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, א. א.). מיר האָבן אויך ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו אַנאַליזירן די אידעאָלאָגיש־פּאַרטייאישע ריכטונגען אויף דער יידישער גאַס — אַן ענין, וואָס איז דעם לייענער גוט באַקאַנט.

אונזער ציל איז געווען קודם־כל אונטערצושטרייכן די אָרגאַניזאַציאָנעלע דערגרייכונגען פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן, ווי פאַלש ס'איז די ברייט־פאַרשפּרייטע מיינונג — אין אויסלאַנד און טיילווייז אויך ביי אונז אין לאַנד — אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום שטעלט מיט זיך פאַר אַן אומאָרגאַניזירטע, קוים־זשיפּענדיקע מאַסע.

מיר שטעלן פעסט מיט צופרידנקייט, אַז די לאַגע איז ניט אַזאַ. אַז די אַמעריקאַנער יידן האָבן במשך פון דער ערשטער העלפט פון 20טן יאָרהונדערט באַוויזן זיך אַרומצובויען מיט גרויסע, מעכטיקע, פעסט־איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס — ספּעציאַליזירט צו באַפרידיקן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע הארצטרכותן פון אונזער ישוב — פונדאַמענטן און ווענט פאַרן בנין פון יידישן קיבוץ־לעבן אין אַמעריקע.

די אויפגאַבע פון דער צווייטער העלפט פון אונזער יאָר־הונדערט איז — אָנצופילן די גרויסע, פּראַכטפולע בנינים פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן מיט אַ מאָדערנעם פאַרשריטלעכן, נאַציאָנאַלן גייסט.

יידישער קיום אין אַמעריקע מוז זיך שטיצן אויף דער שעפעריש־

קייט פון די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן גופא, מוז זיך בויען אַרום די גרויסע יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

דאָס יידיש־נאַציאָנאַלע לעבן מוז האָבן אַ פּראָגרעסיוון כאַראַקטער. יידישער גורל דאָ אין לאַנד איז פאַרבונדן מיטן וואוקס פון די באמת דעמאָקראַטישע און פאָרשריטלעכע כוחות אין אַמעריקע, מיט דער שטאַרקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן קאַמף קעגן די כוחות פון רעאַקציע און אומטאָלעראַנץ.

יידיש לעבן אין אַמעריקע דאַרף זיין דעמאָקראַטיש. עס מוז איצט אויפסניי, ווי מיט 60־70 יאָר צוריק, אויפגעהויבן ווערן אַ קאַמף קעגן דער ממשלה פון די גבירים, קעגן דעם קאָנטראָל פון זעלבסט־באַשטימטע מנהיגים און זייערע ביוראָקראַטישע צוהעלפער. דעמאָ־קראַטישער פאָלקס־קאָנטראָל איבער די גרויסע יידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס איז אַ באַדינג פאַר אַ געזונט יידיש לעבן.

די פאַרשידענע פאָרמען פון יידישער קיבוץ־זעלבסטפאַרוואַלטונג דאַרפן געשטאַרקט ווערן. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום דאַרף מער אַנט־וויקלען ביי זיך די פאַרשטענדניש פאַר אַ פאַרשטאַרקטער פרייוויליקער דיסציפּלין. דער ציל פון אָט די אָנשטרענגונגען דאַרף זיין — מאָדערנע יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

קולטור־שעפערישקייט מוז אַוועקגעשטעלט ווערן אַלס צענטראַלע אויפגאַבע פאַר אונזער קיבוץ.

באַזאָרגן יעדעס יידיש קינד מיט יידישן חינוך, איז דער געבאָט פון אונזער צייט. די יידישע נאַציאָנאַלע פאָנדן מוזן איבערנעמען די פינאַנציעלע אחריות פאַר אַ שטאַרק אויסגעברייטערטן און פאַרטיפטן שול־וועזן, וואו אַלע יידישע דערציאונגס־שיטות זאָלן זיין גלייכבאַ־רעכטיקט.

עס מוז דערקלערט ווערן אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער עם־הארצות, וואָס פירט אומפאַרמיידלעך צו נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע. עס איז אומ־דערלאָזבאַר, אַז אין שפּיץ פון גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, זאָלן שטיין מענטשן אָן אַן עלעמענטאַרער אַנונג פון יידישן לעבן, פון יידישער געשיכטע, פון די יידישע קולטור־אוצרות. עס דאַרף פאַרשטאַרקט ווערן די יידישע בילדונג־אַרבעט צווישן דערוואַקסענע אין די אַלע קעמערלעך פון יידישן לעבן, וועלכע מיר האָבן געשילדערט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען.

די יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן זייער אַרבעט אויף יידיש און וואָס זיינען די סאַמע קערנדיקסטע און לעבעדיקסטע עלע־מענטן פון היגן ישוב, דאַרפן זיך שטעלן אין קאַמף פאַר אויסברייטערן

די פּאָזיציעס פון יידישער שפּראַך און פון דער יידישער קולטור, וואָס באַרייכערן אַזוי שטאַרק אונזער נאַציאָנאַלן לעבן און וואָס פאַר־בינדן אונז אַזוי אינטים מיט אַנדערע יידישע ישובים אויף גאָר דער וועלט.

עס דאַרפן כסדר אונטערגעהאַלטן און פאַרטיפט ווערן די געפילן פון פאַרבונדנקייט און די צוזאַמענאַרבעט צווישן אַמע־ריקאַנער יידנטום מיט מדינת ישראל און אַלע אַנדערע יידישע ישובים אויף גאָר דער וועלט.

אַזוי וועט דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ העלפט פון אונזער גאַנצן פאָלק, קענען אויף אַ מער פרוכטבאַרן און שעפערישן אופן דערפילן זיינע גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבן.

Jews in America

Their Institutions, Organizations and Problems

A Report to the Conference of the Jewish Labor Committee

February, 1951, by Dr. Emanuel Patt

JEWISH LABOR COMMITTEE
175 East Broadway
NEW YORK, N. Y